איך האב געהאט אן אנדערע געדאנק, איך בעט איבער פארן אוועקרוקן, אבער איך האב געפרעגט, פארוואס זענען מיר נישט אז יודן וואס זענען גרויסע מחמירים, די מענטשן וואס האבן אויף זייער סדר טיש א טשארט פון שיעורים, פארוואס זאלן זיי נישט האבן א זייגער וואס זאל מעסטן די מינוטן, און מ'זאל מאכן אז די "חציו לה' וחציו לכם" זאל זיין ממש חציו?

און מיין ענטפער איז געווען מיט אן הקדמה פון א באקאנטע מעשה פון ר' ברוך מרדכי. א יוד האט געזען ר' ברוך מרדכי זיצן מיט א גמרא און קראכן פאפקארן. פרעגט ער דעם ראש ישיבה, "אזוי לערנט מען גמרא?" זאגט ער, "ניין, אזוי עסט מען פאפקארן."

איז פשט, מיין ענטפער איז אזוי, אז ביי אונז די "חציו לכם" איז דאך אויך "לכם". וויאזוי עסט מען די סעודה? מ'האלט אפן א זמירות, מ'זינגט זמירות, מ'זאגט א דבר תורה. די "לכם" איז דאך אויך געמישט מיט "לה'". און די "לה'" איז דאך אויך, ווען מ'זיצט און מ'לערנט, האלט מען זיך אויך א קאווע, מ'אינדזשויט זיך ביים לערנען. די "לכם" און די "לה'" איז דאך די חסיד'ישע וועג אז ס'איז געמישט, ס'איז געווארן פון איין גרויסע באנדל. סאו וועגן דעם, ס'איז א גוטע ענטפער, ניין? וועגן דעם דארף מען נישט צעטיילן האלב און האלב ממש.

אינטערעסאנט, יא. ווען זיי זענען אנגעקומען אין סימן תרנ"ט, וועלן מיר זען וויאזוי די רמ"א וויל יא לכאורה מאכן ממש זאל זיין האלב און האלב. יא, ער זאגט דאך דעם צבי, אז מ'גייט אין ביהמ"ד און מ'גייט אין דערהיים. אבער דער רמ"א האט אויך נישט געטראכט אז מ'גייט זאגן זמירות ביים סעודה אדער דברי תורה? איך ווייס נישט. איך מיין אז יענץ איז טאקע "לכם". "לה'" מיינט אז מ'טרינקט נישט קיין קאווע. דאס איז א גוטע תירוץ, מאך נישט אוועק די תירוץ. ניין, ס'איז אן אמת.

**מצוות תמידיות — תלמוד תורה און תפלה**

על כל פנים, יא, אויך וואלט איך געוואלט זאגן אז מ'זאל אנכאפן ספר החינוך מיינט מצוות תמידיות. איך האב געטראכט אזוי, אז אפילו יום טוב, אסאך מאל ווערט מען צומישט. ס'קומט א יום טוב, ס'איז א גאנץ אנדערע סדר היום. אבער בעצם די מצוות תמידיות, די דברים חמורים, דארף מען אנגיין. אפילו אויב א מענטש האט א געוויסע שיעור. אבער תלמוד תורה איז נישט אין א האלבער. תלמוד תורה איז אין מדה. ס'שטייט דא צוויי מידות, תמידיות. דא תמידיות מיינט 24 hours a day. תלמוד תורה איז נישט יעדן טאג, נאר ס'איז א גאנצן טאג, יעדן טאג א גאנצן טאג. דו האסט אזוי גערעדט אמת. איך האב געטראכט אז ס'איז אזויווי ענליך, זיך תורה

ברענגט, א מענטש האט מוזן רוחני און מוזן גשמי, יא? גשמיות דארף מען עסן, וואטעווער, צוויי דריי מאל א טאג, און דאס דארף מען האלטן א מענטש אין נפש. די נפש דארף דאווענען און דארף לערנען. סאו, ס'איז אזויווי איינער זאל זאגן, אקעי, פסח עסט מען טאקע נאר א מצה, מען עסט נישט די נארמאלע מאכלים וואס מען עסט א גאנץ יאר, אבער מען האלט נאך אלץ אין עסן. ס'איז דא איינמאל יום כיפור וואס מען עסט נישט, אויך, מען עסט פארדעם און נאכדעם. מען קען נישט אוועקגיין. ס'איז דא, דו ווילסט מאכן א ספעציעלע פארטי, א ספעציעלע זאך, קודם דארף מען עסן. סאו, קודם דארף א מענטש עסן אביסל, לערנען יעדן טאג, דאווענען אביסל יעדן טאג. קריאת שמע זאגט מיר דאס זעלבע. אמאל לייגט מען צו א פיוט, וכדומה. אקעי, עניוועיס, זאגט דער רמב"ם אזוי.

**הלכה א — מצות עשה להתפלל בכל יום**

איך גיי מיר לערנען די מצוה פון תפלה. זאגט דער רמב"ם, די ערשטע הלכה פון ערשטע פרק, ערשטע הלכה פון תפילה, זאגט דער רמב"ם, מצוה להתפלל כל יום, **מצות עשה, מצות עשה מן התורה להתפלל כל יום, שנאמר**, ברענגט ער די פסוקים, **"ועבדתם את ה' אלקיכם". מפי השמועה אמרו חז"ל**, מפי השמועה געלערנט אז הלכה למשה מסיני, ס'שטייט אז ס'קומט פון משה רבינו, תורה שבעל פה, **זיי האבן געזאגט אז עבודה זו**, די עבודה וואס די תורה רעדט דא **איז תפילה**.

**קשיא: דער ערשטער פסוק איז א ברכה, נישט א ציווי**

איך האב געזען אין די מפרשים, דער רמב"ם מוטשעט זיך אביסל, "ועבדתם את ה' אלקיכם", לכאורה אין די תורה איז דאס א ברכה. דער אייבערשטער זאגט, "ועבדתם את ה' אלקיכם וברך את לחמך". פארוואס ברענגט ער נישט "עשו את העבודה"? וואס ברענגט ער בוקי ודעת יא באופן עשה? איז אפשר אויף דעם איז דער מדרש? ניין? ס'איז נישטא קיין מדרש וואס שטייט אויף דעם פסוק און מען ווענדט אים אז דאס איז תפילה? נישט זיכער.

**דער צווייטער פסוק: "עבודה שבלב זו תפילה"**

און אויך, אה, **ונאמר**, די צווייטע פסוק וואס ער ברענגט פון "והיה אם שמוע" איז **"ולעבדו בכל לבבכם". אמרו חכמים, איזו היא עבודה שבלב? זו תפילה.** דא שטייט שוין מער קלאר. אויסער דעם וואס אין כלליות עבודה איז תפילה, עבודה שבלב איז זיכער תפילה.

**חידוש: עבודה שבלב איז דער עיקר, די ווערטער זענען דער אויסדרוק**

עבודה שבלב, ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל תפילה מיינט ארויסזאגן די ווערטער, אבער תפילה איז נאר אזויווי די ענד. דאס הייסט, קודם איז דא עבודה שבלב, און דאס ברענגט מען ארויס מיט ווערטער. ס'איז זייער אינטערעסאנט, יא? אבער זאגט מען, עבודה שבלב זו תפילה. מיינט אז ממש די עיקר תפילה, אזוי ווי מיר וועלן שפעטער זען די רמב"ם אין די שפעטערדיגע פרק, די רמב"ם האט אן עקר מצוות עשה פון תפילה, און מ'מוז וויסן אז מ'רעדט צו דער אייבערשטער. יא, איך וואלט געטראכט... ווייל די תפילה איז נאר אן, וויאזוי זאג איך, אן אויסדרוק, די וועג וויאזוי דער עבודת שבלב קומט ארויס אין מעשים... מ'קען דאך נישט זען פאר מענטשן דרויסן צו ראזן דער עבודת שבלב, אבער די תפילה ווייזט ארויס. אבער די עיקר איז דער עבודת שבלב, דאס פארשטייט דא.

**הלכה א (המשך) — מקור המצוה פון תפילה מן התורה**

**דער רמב"ם'ס ווערטער און דער דרש פון "עבודה שבלב"**

## Speaker 1:

ניין. ס'איז נישט דא קיין מדרש וואס שטייט אויף דעם פסוק און מ'ווארנט אים אז דאס איז תפילה. נישט זיכער.

און אויך, אה, ווען נעמט מען אז דער צווייטער פסוק וואס איז איבערגעברענגט פון **"והיה אם שמוע"** איז **"ולעבדו בכל לבבכם", אמרי חכמים "איזוהי עבודה שבלב? זו תפילה."** דא שטייט שוין מער קלאר. אויסער דעם וואס אין כלליות עבודה איז תפילה, עבודה שבלב איז זיכער תפילה.

**עבודה שבלב — דער עיקר תפילה איז אין הארצן**

עבודה שבלב, ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל תפילה מיינט ארויסזאגן די ווערטער, אבער תפילה איז נאר אזויווי דער ענד. דאס הייסט, קודם איז דא עבודה שבלב, און דאס ברענגט מען ארויס מיט ווערטער. ס'איז זייער אינטערעסאנט, יא? אז מ'זאגט עבודה שבלב זו תפילה, מיינט אז ממש דער עיקר תפילה, אזוויי מיר וועלן שפעטער זען אין רמב"ם אין די שפעטערדיגע פרקים, די דברים המעכבים את התפילה, מ'מוז וויסן אז מ'רעדט צום אייבערשטן.

ווייל די תפילה איז נאר א... וויאזוי זאל איך זאגן, אן אויסדרוק, די וועג וויאזוי די עבודה שבלב קומט ארויס אין מעשה. מ'קען דאך נישט זען אויף א מענטש אין דרויסן צו ער האט עבודה שבלב. די תפילה ווייזט ארויס. אבער דער עיקר איז די עבודה שבלב, דאס איז וואס שטייט דא.

**אלטערנאטיווע פשטים אין "ולעבדו בכל לבבכם"**

סאו איך וואלט געטראכט אז וועז מ'זאגט עבודה זו תפילה, מיינט וואס וואלט געווען עבודה חוץ פון תפילה? פאר מ'גייט אריין אין די חילוק פון דיבור אדער די לב, די כוונת הלב אדער די ווערטער וואס מ'זאגט, וואלט איך געטראכט אז געווענליך וואס שטייט עבודה, לכאורה וואלט א מענטש וואס קען חומש, וואס לערנט תורה... עבודת המקדש, יא. פשט איז, ס'מיינט עבודת המקדש, ס'מיינט קרבנות. און "לב" מיינט לאפוקי קרבנות. דאס הייסט, זיכער נישט ברענגען א קרבן וואס איז במעשה, מ'ברענגט א שעפסל אדער א זאך. אן עבודה וואס איז בלב איז נישט במעשה קרבנות. רייט. יעצט, צו די עיקר תפילה איז אין די הארץ, אין די קאפ, אין די ווערטער, אקעי, דאס איז שוין דיטעילס פון דעם.

אבער איך וואלט געזאגט **"ולעבדו בכל לבבכם"** און אויך **"אותו תעבוד"**, לכאורה וואלט מען געקענט זאגן מיינט טון אלע מצוות. דאס איז א נאמען כללי צו זיין אן עובד ה', דאס הייסט פאלגן אלעס וואס דער אייבערשטער הייסט, אזויווי דאס איז די דזשאב פון אן עבד. איך מיין דאס מיינט מען היינט. עבודת ה', וואס מיינט עבודת ה'? דאס זאל מען טון נישט מיט א האלב הארץ. **"ואהבת את ה' אלוקיך"** און **"ולעבדו בכל לבבכם"**. דאס הייסט, דו זאלסט זיך אויפפירן ווי א איד, בעיסיקלי. ס'איז נאר א שם כללי. און אויך "בכל לבבכם" מיינט נישט דו זאלסט טון א זאך נאר זאכן וואס איז בלב. טון מיט'ן גאנצן הארץ, דאס טון מיט אהבה, אזויווי **"ואהבת את ה' אלוקיך... בכל לבבך"**. אז די הארץ זאל נישט זיין מיט היפאקריסי, נישט אזויווי ווי ס'שטייט מיט קיין שקר, וואס ער זאגט "מצא נשים ולמדו" וכו', ער זאגט ווי...

**דער חידוש פון דער דרשה**

אבער דאס איז איין דרש. די דרש האט מען פארשטאנען אז דאס איז א חידוש לכאורה, ס'איז דא אזא סארט עבודה, וואס דאס איז תפילה. וואו איז די עבודה? נישט במקדש, נישט בקרבן, נאר בלב. ס'איז אן עבודה גלויב צווישן יעדער מענטש און דער אייבערשטער, אדער עפעס אזא סארט זאך, און דאס איז תפילה. זייער שיין.

## "בכל יום" — פון וואנעט?

**די פסוקים זאגן נישט "בכל יום"**

אבער ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל אין די צוויי פסוקים האבן מיר אונז נישט געזען קיין שיעור בכל יום. דער רמב"ם זאגט אבער "בכל יום".

**דער כסף משנה'ס תירוץ — א מצוה אן זמן מוז זיין יעדן טאג**

אמת, איך ווייס שוין וואו איר האט געזען אז די כסף משנה ברענגט אז דער רמב"ן קריגט אויף דער רמב"ם, און ער זאגט אז ס'איז נאר א מצוה דרבנן, און אזוי ברענגט ער ארויס פון גמרות. און ער ברענגט ער אז דער רמב"ם אליין זעט מער אז אמאל מוז א מענטש זיכער דאווענען מן התורה, אבער די בכל יום איז נישט קיין... ער זעט נישט בכל יום. אזוי זאגט די כסף משנה, און לכאורה וואלט דער רמב"ם געהאלטן אז א זאך וואס האט נישט קיין צייט מוז מען טון יעדן טאג, ווייל אויב נישט, וואס וועסטו זאגן, איינמאל אין לעבן מוזטו דאווענען? די נארמאלע צד, ווען מען לייגט עפעס אריין אין זמן, זאגט מען אז ס'איז א טעגליכע זאך, אויסער אויב ס'איז א מצווה איינמאל א יאר, אזויווי מצה. אבער אויב ס'איז נישט קיין מצווה התלוי באיזה זמן, א געוויסע יום טוב, נאר ס'איז א מצווה וואס מען זאל אמאל דאווענען, איז דארף מען דאווענען יעדן טאג, ווייל אז נישט ווען וועט עס געשען? ס'איז אפשר איינמאל א יאר, ס'איז א "שמא יפנה".

**ראיה פון תפילין**

איך האב געטראכט צוצולייגן צו דעם, אז ס'איז דא א מצוות תפילין, און אונז ווייסן אלע אז מען לייגט יעדן טאג תפילין. ס'שטייט נישט קלאר אין די תורה, אדער ניטאמאל אפשר אין אנדערע... איך געדענק נישט אויב אין תורה שבעל פה שטייט יא, מען מוז עס יעדן טאג. אבער די אלע פוסקים האבן אנגענומען בפשטות, אז ווען א מצווה איז אן ענין פון עבודת ה', וואס איז א מצווה וואס מען דארף אמאל אמאל, ווייסטו, מען דארף מאכן א מחאה איינמאל, קיינער זאגט נישט אז מען דארף יעדן טאג מאכן א מחאה. אקעי, גיין צו השם צו אפהאלטן נישט קיין גוטע דברים. אבער עפעס וואס איז עבודת ה', עפעס וואס האט צו טון מיט דעם מענטש'ס נפש, מיט דעם מענטש'ס לב, ער זאל זיין אן עובד ה', איז א מצווה בכל יום. תפילין געדענקט, דערמאנט פאר א מענטש אז ער דארף זיין אן עובד ה', אדער ציצית, איז א מצווה בכל יום. אזוי וואלט מען עס דער רמב"ם אנגעלערנט.

**דאווענען איז א דרך החיים**

וואס וואלט געווען שלעכט אז ס'איז איינמאל א וואך? איך מיין, שבת איז איינמאל א וואך. זאג אלע אנדערע זאכן. ס'איז יעדן טאג, אזוי ווי א מענטש עסט יעדן טאג. בעצם האבן זיי עס געמאכט אלס א חלק פון די לייפסטייל. אז א לייפסטייל פון א איד איז דאווענען. אזוי ווי יעדן טאג עסט א מענטש, און שלאפט א מענטש, און ארבעט א מענטש, און יעדן טאג איז א מענטש פארברענגט מיט זיין ווייב. ס'איז זאכן וואס האבן צו טון מיט א דרך החיים פון א מענטש. ס'שטייט אין די תורה מ'זאל דאווענען, ס'שטייט נישט ווען. אבער דאווענען איז א דרך החיים. ס'איז איינע פון די עבודה שבלב, ס'איז איינע פון די זאכן אז א מענטש זאל אייביג זיין אנגעוויזן אין די אייבערשטער, אייביג דאנקען די אייבערשטער. בכל יום איז די נארמאלע סדר החיים, איז אלעס געשעט בכל יום.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "בכל יום" — איינמאל א טאג אדער סדר החיים?**

## Speaker 2:

מ'דארף פרעגן, אזוי ווי איך האב געזאגט אז מ'דארף עסן יעדן טאג. מ'דארף פרעגן צו בכל יום מיינט עס דווקא איינמאל א טאג, אדער ס'מיינט יעדן טאג. קען זיין אז בכל יום איז אביסל לאו דווקא, ווייל מיר גייען זען שפעטער אז דער רמב"ם זאגט דאך קלאר אז די זמן התפילה איז נישט מן התורה. סא, וואס מיינט בכל יום? לאו דווקא ס'מיינט איינמאל א טאג. דו פארשטייסט? וועז ער זאגט בכל יום תהא תפילתו של אדם...

## Speaker 1:

ס'זעט אויס יא, ווייל ס'איז דא תשלומים. אקעי, תשלומים איז אפשר נאר מדרבנן אויף די זאך. איך ווייס נישט פונקטליך, דו פארשטייסט? איך ווייס נישט פונקטליך. ס'קען זיין, דו ביסט גערעכט לויט די רמב"ם. איך ווייס אז ס'מאכט זיך אמאל א מענטש לאזט אויס א טאג, ער גייט א חתונה, די נעקסטע טאג איז א גארגעטע טאג, ער עסט נישט געהעריג, ער ארבעט נישט, ס'איז אזא חרוב'דיגע טאג. ער זאגט אז ער האט נישט אויפגעהויבן יענעם טאג אויף די דאורייתא מיט די חשבון.

די תירוץ איז אז יעדער טאג, א נארמאלע טאג וואס א מענטש טוט אלעס וואס ער טוט, יעדן טאג טוט א מענטש אלע בעיסיקס. א נארמאלער מענטש, ער זעט זיינע קינדער יעדן טאג, ער טוט חינוך יעדן טאג אין א געוויסע פארנעם, ס'איז דאך נישט אז ער זעט זיינע קינדער, ער קוקט זיך אום אויף זיי, ער זעט זיין ווייב יעדן טאג, ער גייט אריין אין די ארבעט יעדן טאג. מענטשן טוען זאכן יעדן טאג. סא דאווענען איז אויך געווארן א חלק החיים, עבודה שבלב.

## Speaker 2:

פיין גוט. סא בכל יום מיינט נישט אז ס'איז א מינימום אזוי ווי איינמאל א טאג. ס'איז מער אזוי ווי דו זאגסט, ס'איז דאס די סדר, אדער עפעס אזא סארט זאך וואלט איך געטראכט מאכט מער סענס.

### Speaker 1:

אזוי קען מען טראכטן, יא.

**דיסקוסיע: דער רמב"ן'ס שיטה — תפילה נאר בעת צרה**

ס'איז אינטערעסאנט צו זען, דו דערמאנסט אז די רמב"ן... די עולם כאפט נישט, די רמב"ן זאגט אז ס'איז דא א מצוה נאר בעת צרה, אבער די רמב"ן האט אויך אן עקסטערע מצוה פון מתפלל בעת צרה, וואס דאס איז די מצוה פון תענית. לויט די רמב"ן איז דא א מצוה דאורייתא אז ווען ס'איז דא א צרה... על הציבור אדער על היחיד, זאל מען זועק זיין להשם, און ס'איז אן ענין פון לזעוק, און דאס איז תענית.

**חילוק צווישן תפילה בכל יום און תפילת תענית — פון מורה נבוכים**

איך האב געזען בפירוש, און נעכטן האב איך דורכגעקוקט אין מורה נבוכים אין די טעמי המצוות, ער שרייבט בפירוש די חילוק, ער מאכט א חילוק פון תפילה בכל יום און תפילת תענית, וואס ס'האט אן אנדערע מובן, וויל... ס'האט אן אנדערע סארט תפילה אויכעט, ווייל ער זאגט דארטן נישט די אנהייבן בשבח און... רייט, אויכעט די תענית, וואס זאל זיין די ענין פון די תענית, יעדער איינער געדענקט, די תענית איז מער אן ענין צו ווייזן אז יעדע זאך וואס קומט, קומט... נישט עבודה שבלב, ס'איז מער צו ווייזן שכר ועונש, אז יעדע זאך איז נישט קיין מקרה, און מ'היילט זיך דורך תשובה טון. ס'האט מיט תשובה. למשל, א נארמאלע תפילה האט נישט מיט תשובה, ס'האט מיט עבודה שבלב, קענסט זאגן צו געדענקען דעם אייבערשטן, וואטעווער, ס'איז נישט די נושא פון תשובה טון. ס'איז נישט די עיקר תפילה פון בכל יום איז נישט די נושא פון בקשת צרכים, ס'איז צו זאגן אז וואס מ'טוט, וואס מ'באקומט, איז דאס שכר ועונש. ס'איז אן אנדערע נושא.

**דער רמב"ן'ס תפילה איז נישט די זעלבע ווי דער רמב"ם'ס זעקה בעת צרה**

אויב ווען דער רמב"ן זאגט אז די תפילה איז נאר ווען ס'איז דא א צרה, זאגט ער נישט אז ס'איז נאר דא די מצוה פון שרייען בעת צרה ווי דער רמב"ם'ס שרייען בעת צרה. ער זאגט אז די תפילה האט נישט קיין זמן פון בכל יום. אפשר בסך הכל האט ער נישט אנגענומען די וועג וויאזוי דער בית יוסף זאגט אין כסף משנה, אז אויב ס'איז דא א מצוה און די תורה זאגט נישט ווען ס'איז, דארף עס זיין יעדן טאג. אפשר דאס איז ווי זיין עיקר שפאלט איז. יא, יא. איך מיין אז דער רמב"ן'ס פשט, לאמיר זאגן אין אנדערע וועג, דער רמב"ן... אז די תפילה וואס דער רמב"ן איז יא מחייב, וועט אויך זיין אז ס'זאל זיין שבח והודאה ושאלת צרכים. ס'איז נישט די זעקה פון אן עת צרה. ס'איז נישט דער רמב"ם'ס זעקה. ס'איז נישט די זעלבע זאך. דער רמב"ם רופט זעקה בעת צרה, וואס דער רמב"ן רופט להתפלל על הצרכים, אפשר לאו דווקא בעת צרה, נאר להתפלל על הצרכים, אבער נישט בכל יום. ס'איז אנדערע גדרים, ס'איז נישט די זעלבע זאך. די מחלוקת איז נישט עקזעקטלי איקוועל. דער רמב"ן איז בקי, ער ברענגט נישט די לשון הרמב"ם.

**דיגרעסיע: סדר של פסח**

אבער איך טראכט ביים סדר, אז ביים סדר האבן מיר אונז... מ'זאגט דארטן שבח והודאה, איך ווייס שוין, מ'זאגט תפילה אויך, און מ'זאגט אויך, מ'בעט פאר די גאולה. אבער ס'איז דא דארטן אויך אזוי אונז עסן מרור און "ונצעק", אונז דעמאנסטרעיטן אויכעט אזא צעקה בעת צרה. אונז דערמאנען זיך וויאזוי ס'איז געווען די עת צרה אין מצרים, ס'איז דא דערין דעם ענין צעקה בעת צרה, און מ'עסט די מרור ממש ווי מ'זאל פילן די צעקה. אקעי.

### Speaker 2:

יא. אקעי, איז דאס איז די מצוה, ס'איז א מצוה מצות עשה. דער רמב"ן האט א גוטע טענה, ס'שטייט דאך אין די גמרא אז קריאת שמע איז דאורייתא און תפילה איז דרבנן.

**דער רמב"ם'ס תירוץ — די גמרא מיינט נוסח און זמן, נישט עצם תפילה**

אבער דער תירוץ איז דער רמב"ם'ס תירוץ, און דאס איז וואס ער זאגט דא, אז די גמרא זאגט תפילה איז דרבנן מיינט עס די נוסח התפילה אדער די זמן התפילה וכדומה. די גמרא מיינט נישט צו זאגן די עצם מהות פון להתפלל. דאס איז דער רמב"ם'ס חילוק, און לכאורה דאס מיינט ער צו ענטפערן די רמב"ן'ס קשיא.

איז וואס גייט ער יעצט זאגן? יא, איין...

**הלכה א (המשך) — "ולא משנה התפילה הזאת מן התורה"**

### Speaker 1:

יא. ס'איז נישט אז נאר די עצם תפילה איז דאורייתא, אבער אוודאי איין מינימום. איין מינימום פון א תפילה איז מן התורה. דאס איז... ער גייט שפעטער זאגן אז מיר דאווענען צוויי מאל א טאג לכל הפחות, אדער דריי מאל א טאג, איז... די מן התורה דארף מען נאר דאווענען איינמאל. זאגט ער, **"ולא משנה התפילה הזאת מן התורה"**.

לויט ווי מיר האבן יעצט צוגעקומען, קען מען עס נאך בעסער פארשטיין. נישט פשט נאר איינמאל, נאר ס'זאל געווען א מינימום מן התורה אויך. מן התורה איז אן ענין, אזיווי דו זאגסט, א מענטש איז א דאווענער. ער דארף דאווענען. "מהו דאדם", א מענטש איז א דאווענער. איך האב נישט קיין צומורא, איך וויל נישט איינס. אה, דער רמב"ם, רייט, רייט. ער זאגט נישט די מינימום, עס דארף זיין ��אר איינס. זייער גוט, זייער אינטערעסאנט.

**מן התורה איז נישט דא קיין נוסח, קיין מנין, קיין זמן**

אממ... יא. **"ולא משנה התפילה הזאת מן התורה"**. זייער אינטערעסאנט. אויך די נוסח, "משנה התפילה" וואס מ'רופט דעם מטבע התפילה, דער וועג וויאזוי אונז דאווענען איז נישט מן התורה, **"ואין לתפילה זו מנין קבוע מן התורה"**. איך מיין די שטיקל קומט זייער קלאר אריין אין די וועג וויאזוי אונז האבן דאס געזאגט, אז תפילה האט נישט קיין נוסח אדער קיין... מן התורה, הכוונה מ'האט נישט קיין נוסח אדער קיין זמן. נאר אפשר וואלט געווען גענוג, אפשר אויך מן התורה, מ'זאל דארפן טראכטן צו דאס, אז מ'דארף אייביג אנהייבן בשבח און ענדיגן בהודאה, צו ס'איז יא מן התורה. ס'וואלט געקענט זיין די עצם מן התורה, און מ'איז מודה מיט דעם אז יעדן טאג דערמאנט זיך א מענטש פון אייבערשטן און ער דאווענט עבודה שבלב. יא.

**הלכה א (המשך) — נשים ועבדים חייבין בתפילה**

### Speaker 2:

יא, ס'זעט נישט אויס. זאגט דער רמב"ם, **"לפיכך, הואיל ואין זמן התפילה מן התורה"**, און די זמן איז נישט מן התורה, **"נשים ועבדים חייבין בתפילה". לפי שאין מצות עשה שלא הזמן גרמא**, נישט די זמן איז גורם, נאר די מצוה איז א תמידיות'דיגע מצוה. דעריבער זאל מען זאגן. קריאת שמע וואס האבן די נעכטן גע'דרמ'ט, איז דאך קריאת שמע די סיבה, האבן מיר געזאגט אז קריאת שמע זענען נשים פטור, פארוואס? ווייל ס'איז א מצוות עשה שהזמן גרמא. אבער תפילה איז דאך נישט קיין מצוות עשה שהזמן גרמא, איין ס'האט א זמן, די זמן איז מדרבנן. איז ממילא זענען זיי חייב מיט תפילה. די גמרא זאגט אפילו נישט,

**תפילה מדאורייתא ומדרבנן — נשים חייבות בתפילה, צורת התפילה, ומנין התפילות**

**הלכה א (המשך) — נשים חייבות בתפילה**

**תפילה איז נישט מצות עשה שהזמן גרמא**

**Speaker 1:** נישט די זמן איז גורם, נאר די מצוה איז אזא תמידיות'דיגע מצוה. אזוי ווי קריאת שמע, וואס האט דער רמב"ם געזאגט? ביי קריאת שמע איז די ריזען האבן מיר געלערנט אז קריאת שמע זענען נשים פטור, פארוואס? ווייל ס'איז א מצות עשה שהזמן גרמא. אבער תפילה איז דאך נישט קיין מצות עשה שהזמן גרמא. אה, ס'האט א זמן, די זמן איז מדרבנן. וואס מיינט אז זיי זענען זיך חייב בתפילה? די גמרא זאגט אזוי אנדערש.

לכאורה, לכאורה, פון די זמן תפילה וואלטן זיי טאקע געבליבן פטור, אדער די מצוה איז דרבנן איז אנדערש? נשים ועבדים זענען אפשר נאר חייב אין די עצם תפילה? לכאורה.

**חילוק צווישן דער גמרא און דער רמב"ם**

ס'איז אינטערעסאנט, די גמרא זאגט אנדערש ווי דער רמב"ם. די גמרא זאגט, פארוואס איז... יא, ס'איז א משנה אז נשים זענען פטור מקריאת שמע ומן התפילין, וחייב בתפילה. זאגט די גמרא, פארוואס תפילה? "דא רחמי נינהו". די גמרא זאגט אז זיי זענען חייב בתפילה ווייל תפילה איז פשוט רחמים. תפילה דארף א פרוי אויך, א פרוי דארף נישט דאווענען אז דער אייבערשטער זאל איר העלפן? זי דארף עס אויך. אבער די גמרא זאגט אז ס'איז דאך פשוט. די גמרא, ניין, ווייל ער האט געמיינט אז מצות עשה שהזמן גרמא. פארענטפערט דער רמב"ם מיט זיין למדנות אז ס'איז אמת'דיג, מדאורייתא איז עס נישט קיין מצות עשה שהזמן גרמא, נאר די רחמים איז די דאורייתא. אבער ס'איז אינטערעסאנט אז ס'שטייט נישט אין רמב"ם'ס ספר המצוות.

**שאלה: צו זענען נשים פטור פון תפילות קבועות?**

אבער איך זע אז הרב רבינוביץ' קלערט אויך וועגן דעם, צו די פרויען וואלטן געדארפט זיין פטור פון די תפילות קבועות שבכל יום, אפשר זאלן זיי בלייבן מיט די עצם חיוב. און וואס זאגט ער? ער זאגט אבער נישט אזוי, ווייל ס'קען זיין אז די כלל אז נשים זענען פטור פון מצות עשה שהזמן גרמא איז אויף די דאורייתא'דיגע. ניין, לאו דווקא, ווייל מיר זעען אז ביי חנוכה און פורים האט מען עפעס אן אנדערע סיבה, ווייל "אף הן היו באותו הנס". ס'איז נישט קלאר. ס'איז דא היינטיגע פוסקים, שפעטערדיגע פוסקים, זענען מחולק וועגן דעם.

**דער מגן אברהם'ס שיטה**

אני געדענק למשל, יעדער איינער ווייסט אז דער מגן אברהם האט געזאגט אז נשים זענען מחויב בתפילה, זאגט דער מגן אברהם, אויב נשים פירן זיך נישט צו דאווענען, אבער ער זאגט אז מסתמא דאווענען זיי יא. יעדע פרוי זאגט עפעס ברכות השחר, עפעס א מודה אני, און מ'איז יוצא מיט דעם, ווייל ער גייט מיט דעם דרך אז די נוסח איז נישט מעכב. די נוסח און די מנין, די נוסח איז אן עקסטערע זאך, אבער די זמן דערפון איז דאך שהזמן גרמא. אבער ס'קען זיין אז דער רמב"ם האט געלערנט אז איינמאל די פרויען זענען מחויב ווייל ס'איז א מצוה שאין הזמן גרמא, נאר אז מ'האט מתקן געווען די אופן וויאזוי עס צו טון, זענען זיי יא מחויב, ווייל די עצם מצוה איז נישט א מצוה שהזמן גרמא.

**דער מנהג למעשה**

אבער למעשה זעט מען נישט, רוב דורות זעט מען נישט אז פרויען פלעגן דאווענען שחרית מנחה מעריב. אפילו נישט פרויען אין סעמינאריס, אפילו נישט... אפילו נאך די רביצין פון דעם בעלזער מיידל, די רביצין פון דעם רמ"א, די טאכטער פון רמ"א, ווען זי איז שוין געווען ביזי, האט מען איר געמאכט תפילות, תחנות אזעלכע אין אידיש, ווייל זיי האבן נישט געדאווענט די רעגולערע תפילות. אבער מען זעט אז לשום, די מנהג ישראל על פי רוב, די היינטיגע פוסקים, בפרט די ליטווישע, זענען יא האלטן אז פרויען זענען מחויב צו דאווענען, עט ליעסט צוויי מאל א טאג. זעט מיר נישט אויס די מנהג, זעט מיר אויס די מנהג איז אז זיי זענען מחויב בתפילות, אז זיי דאווענען, זיי זאגן מודה אני, זיי האבן זיך זייער אייגענע נוסחאות התפילה. אזוי קען מען זאגן לויטן רמב"ם. מען קען זאגן אנדערש, אז וואס די גמרא זאגט "נשים חייבות בתפילה", און איך ווייס נישט ווען די משנה זאגט "תפילה", מיינט דאך דאס יא די נוסח, די סדר און די נוסח. איך ווייס נישט. אקעי.

**הלכה ב — צורת התפילה מדאורייתא**

**"חיוב מצוה זו כך הוא"**

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם וויטער, **"אלא חיוב מצוה זו כך הוא"**. אה, יעצט וואס איז יא מדאורייתא? יעצט גייט דער רמב"ם מסביר זיין, ביז יעצט האט דער רמב"ם מסביר געווען די עיקר הדין, יעצט גייט דער רמב"ם מסביר זיין בעצם וויאזוי איז געווארן אז ס'איז יא דא א נוסח התפילה. ער הייבט אן מיט דאס ווי היסטאריש, אבער דא איז ער מסביר וואס די עצם תפילה איז. די עצם תפילה, די דעפינישאן ווען מען זאגט "זו תפילה", וואס מיינט תפילה? תפילה מיינט נישט נאר געבן א "טו-דו ליסט" פאר'ן באשעפער "איך דארף דאס און דאס", נאר ס'האט אן אופן. ס'האט אן אופן אז דאס מיינט אן הכנעה'דיגע שיינע וועג פון בעטן א מלך. מ'דארף זאגן קודם די שבח און בעטן און ענדיגן מיט שבח. איך ווייס נישט אויב ס'איז מעכב דאס. איך ווייס נישט אויב דאס איז... איך ווייס נישט צו דאס איז מעכב, אבער דער רמב"ם זעט יא אויס אז די עצם צורת התפילה... רייט, רייט. אבער דו קענסט אליינס דיר געבן א נוסח. אבער ס'איז נישט פשט אז ס'איז דא א עיקר הדין, דער רמב"ם לייגט ארויף די עיקר הדין, נאכדעם וויאזוי איז מען יוצא, אדער קענסטו אליינס אדער מאכן א נוסח. ס'איז מער אז דאס זאגט ער כדי מסביר צו זיין פארוואס ס'האט זיך געטוישט דאס. וואס אמאל איז טאקע אזוי געווען דער מנהג, מ'האט געדאווענט בכל יום יעדער איינער אליינס, נאכדעם האט זיך עס געטוישט.

**דיסקוסיע: תפילה דארף האבן א צורה פון עבודת השם**

**Speaker 2:** ניין, אבער איך וואלט אפשר יא געזאגט, אז אויב תפילה זאל נאר מיינען "איך דארף פרנסה, פליז גיב מיר פרנסה", די ווערטער למשל, אזוי ווי א מענטש וואלט דא געטראכט, דאס איז בכלל נישט קיין עבודת השם. האסט נישט געדאנקט און רעקאגנייזד אז דער אייבערשטער איז גרויס, און אז דער אייבערשטער קומט דיר גארנישט. דאס איז א תפילה, דאס איז אזוי ווי ווען א מענטש איז אן עני, ער קאלט יעדן טאג צען מענטשן בעטן. יא, אויך בעט ער דעם אייבערשטן. דאס וואלט נישט געהייסן בכלל תפילה. תפילה דארף האבן אין זיך עפעס א געוויסע חשיבות, עפעס א געוויסע עבודת השם.

**Speaker 1:** איך בין מסכים, איך בין מסכים. איך וויל נאר ארויסברענגען, איך וויל נישט פארשטיין אז דאס איז די דין. אויב איינער למשל, איז בדיעבד, למשל אזוי ווי די נשים וואס דער מגן אברהם זאגט וכדומה, איינער וואס דאווענט נישט מיט די סדר, ער דאווענט יא, איך ווייס שוין אז ס'איז דא הלכות, ווייל ס'איז דאך געווען שיין אז דו זאלסט טון אויף די ריכטיגע סדר, אבער ס'איז נישט קיין חיוב אז דו מוזסט אזוי טון. דער רמב"ם לייגט עס אזוי אראפ, "חיוב מצוה זו כך הוא". וואו נעמט דאס דער רמב"ם? ס'איז א גמרא וואס זאגט דערוועגן אז ס'דארף זיין שבח? איך געדענק אזא זאך, אבער די גמרא זאגט אז דאס זאל זיין מדאורייתא? האט דער רמב"ם געהאלטן אז דאס איז עיקר תפילה אדער יסוד התפילה? דאס איז זיכער ביהיינד די סדר, די סטרוקטור פון די תפילה וואס אונז האבן, און די גמרא זאגט עס עקסטער פון די סטרוקטור. די גמרא ברענגט אזעלכע לשונות, "לעולם יסדר אדם שבחו של מקום ואחר כך יתפלל", און וואס זעהט אויס אז ס'איז עפעס וואס איז געווען א קדום. די גמרא זאגט "לעולם יסדר אדם שבחו של מקום", שכן מצינו במשה, זאגט ער, "אתה החילות להראות". ס'איז קלאר פון דעם אז שכן מצינו במשה, האט דער רמב"ם געהאלטן אז דאס מיינט אז ס'איז שוין מדאורייתא. דאס איז דער צורת התפילה.

**Speaker 2:** דאס איז נישט א חלק פון די תקנת חכמים פון די מטבע התפילה, נאר דאס איז נאך פאר די מטבע התפילה.

**Speaker 1:** אבער דאס איז געווען נאך פאר די מתקני התפילה.

**Speaker 2:** אבער משה רבינו האט אויך מתפלל געווען אויף דעם נוסח.

**Speaker 1:** יא.

**Speaker 2:** ס'איז שוין געווען איינגעפירט דעמאלטס.

**Speaker 1:** פיין, גוט. יא, לאמיר לאמיר ליינען. "אלו".

**Speaker 2:** יא.

**לשון הרמב"ם: שבח, בקשה, והודאה**

**Speaker 1:** **"אלו"**, וויאזוי טוט מען עס? **"חיוב מצוה זו כך הוא, שיהא אדם מתפלל ומתחנן בכל יום"**. א מענטש זאל יעדן טאג... ס'איז דא א חילוק צווישן די ווערטער "מתפלל" און "מתחנן"?

**Speaker 2:** איך ווייס נישט.

**Speaker 1:** זיך בעטן. ער זאגט, וויאזוי טוט מען עס? **"ומגיד שבחו של הקדוש ברוך הוא"**. מ'זאגט די שבח פון אייבערשטן, דאס הייסט ווי גרויס דער אייבערשטער איז. די ערשטע שבח איז נישט א פערסאנעל שבח. דער אייבערשטער איז... שבח איז טייטש לויבן, נישט דאנקען. יא, שפעטער זאגט ער אויך "נותן שבח והודאה", אבער קודם איז נישט א פערסאנעל שבח, נאר דער אייבערשטער איז גרויס, דער אייבערשטער איז דער מלך פון די גאנצע וועלט, "מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, הגדול הגבור והנורא", די גרויסקייט פון דער אייבערשטער.

**"ואחר כך שואל צרכיו שצריך להם"**, בעט ער די צרכים וואס ער דארף האבן, און ער בעט עס **"בבקשה ובתחנונים"**. מ'זעט דא גאנץ קלאר, מען בעט פאר די אייגענע צרכים. מען בעט נישט דא פאר די גאולה, און איך ווייס נישט פאר כלל ישראל. מען בעט פאר... וואס איז פערזענליך. "צרכים רבים", מ'איז אויך א צרכים רבים. **"שצריך להם"**, ער זאגט דא אביסל אויף... יעדער מענטש דארף אויך... "מתפלל ומתחנן". דער קלאנג דא איז אביסל א פערסאנעל זאך.

אקעי. **"ואחר כך נותן"**, נאכדעם געט ער א שבח והודאה... ס'איז אמת, אבער דער רמב"ם פארציילט דאך די מעשה וואס איז געווען פארצייטנס, אין א תפילה קצרה, וואס איז א תפילה בציבור און אזוי ווייטער. זאגט ער, **"ואחר כך אחר שאלת צרכיו נותן שבח והודאה להשם על הטובה שהשפיע לו"**. ער דאנקט דעם אייבערשטער פערסאנעל. ער זאגט זיין שבח, ער הייבט אן מיט שבח, "גרויסער באשעפער, דו ביסט דער מלך העולם", און נאכדעם זאגט ער, "גרויסער באשעפער וואס האט מיר געטון אזויפיל גוטס". און ער דאנקט דעם אייבערשטער, "שבח והודאה".

**דיסקוסיע: חילוק צווישן שבח און הודאה**

**Speaker 2:** איך וואלט געזאגט אז ווען ס'וואלט נישט געווען דאסווארט "שבח", וואלט עס נישט געדארפט זיין אזוי געקוועטשט. וואלטסט געקענט זאגן פלעין, קודם זאגט ער די גרויסקייט פונעם אייבערשטער, און נאכדעם זאגט ער הודאה. דאנקען איז נישט די זעלבע זאך ווי שבח. אבער דו קענסט זאגן אז דער רמב"ם האט געהאלטן... דער רמב"ם שרייבט אין שמונה עשרה איז דאך אויך דא ביידע, ס'איז דא שבח פאר הודאה. און דערפאר זאגט ער אז דער רמב"ם האט געהאלטן אז סתם אזוי דאנקען דעם אייבערשטער, נישט כפשוטו מ'דאנקט נישט דעם אייבערשטער, דער אייבערשטער איז נישט קיין מענטש וואס דו דארפסט אים זאגן שכוח. ס'איז דאך אסאך קלארער ווי דו זאגסט, ס'איז א שבח אויף די דברים פרטים שהשפיע לו, על הטובה שהשפיע לו.

**Speaker 1:** איז פון דעם קומט אויס אז די תודה איז אויך בעצם א שבח, נאר ווי דו זאגסט, ס'איז אן אנדערע סארט שבח. אבער איך וואלט געזאגט פשוט, מער בגשמיות וואלט איך געזאגט אז ס'איז בכלל צוויי אנדערע זאכן. דא זעסטו, דער אייבערשטער איז גרויס. דא זאגסטו, "אייבערשטער, שכוח האסטו מיר געגעבן". שכוח קען מען נישט זאגן פאר'ן אייבערשטער, איך מיין, שכוח איז א ברכה, יא? יישר כחך. אבער תודה... איך האב געזען מענטשן פרעגן צו מ'מעג זאגן "שכוח באשעפער", אבער ס'איז דאך פשוט אז שכוח מיינט דאנק. ס'איז א מוציא געווען מיט א פשיטא.

**Speaker 2:** אמת, אמת, ס'איז א ווייטע קנייטש. איך זאג נאר אז ס'איז טעכניש געוומען... שכוח מיינט תודה, אדער? מ'זאגט דאך אייביג שכוח. שכוח איז א... די מינינג פון די ווארט איז תודה. שפעטער זאגט דער רמב"ם אז מ'טאר נישט דאווענען בלשון עילג. ס'קען זיין אז זאגן "שכוח" איז א לשון עילג. אפשר דאס איז די פראבלעם. "שכוח דיר האב איך". "שכוח" מיינט נישט "יישר כחך". "שכוח" איז עפעס א נייע ווארט אויף דער נאכט. "שכוח" איז א תודה, ס'מיינט ש-כ-ו-ח. אקעי.

"כל אחד ואחד כפי כחו"

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם, **"כל אחד ואחד כפי כחו"**. דאס וואס ער האט יעצט געזאגט, די שבח, שאלה, און הודאה, איז "כל אחד ואחד כפי כחו". יא, דאס הייסט דאס איז די חירות. דו מוזט נישט האבן א מהלך וויפיל, ווען, און וועלכע נוסח. יעדער איינער לויט וואס ער פארשטייט, לויט וואס זיין כח. "כח" מיינט נישט דא כח, ס'מיינט זיין שפראך, זיין יכולת, זיין הבנה.

און דער רמב"ם גייט עס מסביר זיין, די "כפי כחו": **"אם היה רגיל מרבה בתחנה ובקשה"**. ער זאגט נאכאמאל "מתפלל ומתחנן", און דא זאגט ער "תחנה ובקשה". די ווארט "תחנה"... ס'זענען אלע שמות נרדפים דא, לויט ווי איך זע. אפשר יעדע זאך מיינט אריגינעל עפעס, אבער איך זע נישט אז מ'קען מדייק זיין דא, ווייל ער וואלט געדארפט אנהאלטן די זעלבע שפראך ווי דא. איך מיין ס'איז נישט דווקא "תחנה ובקשה". אפשר בעיקר, באופן כללי, בעיקר, למעשה, די עיקר תפילה איז די תחנה. ס'איז אלעס ווי ארום דעם. מ'קען נישט סתם מסכן זיין צוזאמען אין די וועלט? ניין, זאגט מען קודם "אתה גדול" וכו'. "רגיל" דא מיינט אויך נישט צוגעוואוינט, "רגיל" מיינט מער אזוי ווי "מלומד", אזוי ווי ער האט עס געזען אפאר מאל. "מלומד" און "רגיל" מיינט די זעלבע זאך. ס'מיינט ער האט א גוטע שפראך.

**"ואם היה ערל שפתים"**, ער האט א פארשטאפטע מויל, ער רעדט שווער, **"מדבר כפי יכלתו"**. מ'רעדט אויך נישט רעדן, ווייל לכאורה די זאך קען אפילו זיין האלב וועגס במחשבה. יא, ער איז שוואך, ער קען זיך נישט איינהאלטן ביי א תפילה. ס'מיינט ער האט נישט מסודר, ער טראכט נישט אין א מסודר'דיגע וועג. "ערל שפתים" מיינט אזוי ווי געוועגליך, אז דו גיבסט פאר א היינטיגן יונגערמאן צו שרייבן א תפילה, וועט עס אויסקוקן אזוי: ס'וועט זיין זכר, נקבה, יחיד, רבים, אידיש, ענגליש. ס'איז אן "ערל שפתים", בקיצור. אבער אויב ער קען נישט, רעדט ער וואס ער קען.

**זמן התפילה מדאורייתא**

און ווען טוט מען דאס? **"בכל עת שירצה"**, ווען ס'כאפט אים אן א חשק צו דאווענען. ער דארף איינמאל א טאג, אבער ס'איז נישט קיין חילוק געווען אינדערפרי, נאכמיטאג, ביינאכט. ער דארף יעדן טאג. א מענטש דארף דאך נישט יעדן טאג.

**הלכה ג — מנין התפילות מדאורייתא**

**Speaker 1:** אקעי, וחיוב, זאגט ער, **וחיוב מנין התפילות, כל אחד כפי כחו**. ער וואלט אויך געווען יעדער איינער לויט זיין יכולת. **יש מתפלל פעם אחת ביום**, געוויסע מענטשן וואלטן מתפלל געווען איינמאל א טאג. **ויש מתפלל**

**תפילה מן התורה ותקנת אנשי כנסת הגדולה — נוכח המקדש, מנין התפילות, ונוסח התפילה**

**נוכח המקדש — כיוון התפילה מן התורה**

**Speaker 1:** איך ווייס נישט וואס ער האט צו וויסן דעם, אונז האלטן אריינלייגן דא פילינגס. איך ווייס נישט, אפשר לויט וואס ער פארשטייט אז ס'איז שיין צו מאכן א רמז, צו דאווענען איינמאל אדער צוויי מאל וכדומה.

אקעי. זאגט דער רמב"ם ווייטער, אבער איין זאך, ס'איז אינטערעסאנט צו זען, טאווארדס וואו האט מען געדאוונט. דאס זעט אויך אויס מן התורה. **וכולם היו מתפללין נוכח המקדש.** זעט אויס אז דאס איז שוין אויך געווען פון די עיקר התפילה. יא, און ווען ס'איז נישט מן התורה, הייסט עס אז ס'איז ממש מדאורייתא, אבער ס'איז א דבר כללי, ס'איז נישט קיין תקנת חכמים, אבער דאס האט מען אייביג געטון. מ'האט געדאוונט נוכח המקדש, טאווארדס די מקום המקדש, **בכל מקום שיהיה**, סיי וואו מ'איז, האט מען מתפלל געווען, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק, **"והתפללו אל הבית הזה"**. וואו מ'איז געווען האט מען געדאוונט.

זייער גוט. און ס'שטייט אויך, ביי דניאל שטייט עס בפירוש. די "והתפללו אל הבית הזה" איז א שטיקל דרש, ווייל ס'קען זיין אז מ'איז געקומען דארט.

ס'קען זיין מ'זעט אויך אביסל ביי יעקב, **"אין זה כי אם בית אלקים וזה שער השמים"**, שטייט אז ער האט געזאגט אז דא איז די פלאץ וואו "אין זה כי אם בית אלקים". אויף דניאל שטייט עס בפירוש אז ער האט געדאווענט כנגד ירושלים, מיט אן אפענע פענסטערל.

און ס'איז אינטערעסאנט, ווייל מ'דארף טראכטן, דאס איז לכאורה, ער רעדט נאך פאר ס'איז געווען א בית המקדש.

**Speaker 2:** זייער גוט.

**Speaker 1:** ניין, דניאל איז געווען בזמן החורבן.

**Speaker 2:** אבער איך זאג, אז די חיוב איז מן התורה, ס'שטייט אז ס'איז פון הר סיני.

**Speaker 1:** זייער גוט, דאס איז זייער גוט. דאס איז גוט געזאגט. גייען מיר זאגן אז די מקדש דעמאלטס איז געווען די משכן.

### דער רמב"ם אין מורה נבוכים — אברהם אבינו האט מתקן געווען כיוון התפילה

אה, ס'איז דא אן אינטערעסאנטע זאך וואס איך האב געזען. דער רמב"ם אין מורה זאגט אז אברהם אבינו האט מתקן געווען דאס מקום התפילה, ווייל ס'שטייט "כיוון התפילה", ער האט געקובע'ט די תפילה. דארט שטייט דאך **"אשר יאמר היום בהר ה' יראה"**. סאו אברהם אבינו האט מתקן געווען די זאך אז מ'זאל דאווענען towards די הר המוריה. אזוי זאגט דער רמב"ם.

דער רמב"ם זאגט נאר, און ער זאגט אפילו א פשט פארוואס, אבער... און ער זאגט אז אפילו ס'שטייט נישט אין די תורה בפירוש אז די מקום המקדש זאל זיין דארט, ער זאגט ער געבט טעמים, ווייל מ'האט נישט געוואלט אז די גוים זאלן עס כאפן, וכדומה, אנדערע reasons פארוואס ס'שטייט נישט ירושלים. אבער ס'איז משמע פון די רמב"ם, אזוי זעט אויס, אז דאס איז א תקנה פון אברהם אבינו. סאו שוין די אלע אידן פלעגן שוין דאווענען towards, אקעי, טעיק איט, towards ירושלים נאך פון יענע צייטן, נאר ס'שטייט נישט בפירוש. אבער אזוי סאונדט פון די רמב"ם.

### דער כסף משנה — צוויי פירושים אויף "בכל מקום שיהיה"

אבער דער כסף משנה זאגט "בכל מקום שהיא" קען מיינען צוויי זאכן: אדער ס'מיינט סיי וואו די אידן זענען, צו זיי זענען אין אמעריקע, צו זיי זענען אין מדבר, דאווענט מען towards די בית המקדש. אדער זאגט ער, די מקדש בכל מקום שהיא, צו ס'איז אין שילה, צו ס'איז אין גלגל, צו ס'איז אין מדבר. "המקדש" מיינט נישט די בית המקדש, ס'מיינט דער משכן, דער משכן שילה, וואטעווער ס'איז.

זאג איך, סאו לויט מיין מקור איז זיכער אז ס'מיינט די ערשטע וועג.

**Speaker 2:** יא, יא, איך פארשטיי.

### "שכינה במערב" — דער רמב"ם'ס הסבר

**Speaker 1:** דער רמב"ם ברענגט אויך אז ער לערנט אז ס'שטייט **"שכינה במערב"**. "שכינה במערב" זאגט דער רמב"ם, וואס איז פשט "שכינה במערב"? אז אברהם אבינו איז געגאנגען קעגן די עבודה זרה. אלע עבודה זרה'ניקעס בוקן זיך צו מזרח, ווייל די זון קומט דארט ארויס. האט ער געמאכט פונקט פארקערט.

אבער אויך "מערב" מיינט נישט ספעציפיקלי מערב, ס'מיינט אין די מערב פון די מקום המקדש, פון די הר הבית. אינטערעסאנט, אונז דאווענען צו מזרח פון דאנען, ווייל במקרה זענען אונז מערב צו ארץ ישראל, אבער בעצם איז עס נישט מזרח, ס'איז בעצם "שכינה במערב".

### דער כסף משנה — ראיה פון "עבדיהו בתורתו, עבדיהו במקדשו"

דער כסף משנה זאגט אויך, פון וואו ווייסט מען אז די נוכח המקדש איז א בעיסיק זאך נאך פאר די תקנות חכמים? זאגט ער, ער ברענגט דארט **"עבדיהו בתורתו, עבדיהו במקדשו"**. זאגט ער, "במקדשו" איז דאך געשריבן געווארן נאך פאר ס'איז געווען א בית המקדש. סאו, אזוי האט דער רמב"ם געלערנט, צו עובד זיין צום מקום המקדש. אזוי האט דער רמב"ם געלערנט פשט. ער ברענגט דער רמב"ם אין פירוש המשניות און ספר המצוות צוזאמען, אז "עבדיהו במקדשו" מיינט נישט "במקדשו", ס'מיינט "צו מקדשו".

ס'זעט אויס פון די רמב"ם אז כאילו דאס איז... מיר האבן געלערנט אויך אז עבודה זרה ווערט גערופן, ס'איז נישט געשטאנען געהעריג וועגן דעם, אבער די זאך איז, ווען ס'איז א מקום תפילה, איז אפילו ס'איז נישט דארט, מען דאווענט towards די מקום המקדש, האט דער רמב"ם פארשטאנען אז דאס איז א basic זאך.

### פארגלייך מיט מוסולמענער — כיוון תפילה איז א בעיסיק מענטשלעכע זאך

אויך ווייל למשל די מוסולמענער האבן דאס אויך געהאלטן פאר א basic זאך. האט דער רמב"ם געוואלט זאגן אז זיי דאווענען צו מעקא, זיי האבן דאס אויך געמאכט להכעיס די אידן. קודם לכתחילה האבן זיי אויך געדאווענט צו ירושלים, נאכדעם האבן זיי געוואלט זיין אנדערש, האבן זיי געטון אזוי. האט ער פארשטאנען אז דאס איז פסול, און פארדעם זאגט ער אברהם אבינו איז געגאנגען אנדערש ווי די עבודה זרה. די עבודה זרה האט אויך געהאט א וועג ווי מ'דאווענט, מ'דאווענט צו מזרח ווייל דארט איז די זון. סא דאס איז א basic זאך, דאווענען איז צו א געוויסע דירעקשאן.

אברהם אבינו האט מען אויך געזען פארקערט, אז אונז האבן מיר נישט ליב די זאך אז ס'מוז זיין א היכל וואו מ'דארף דאווענען, אבער towards א כיוון איז יא א זאך, אבער פארקערט פון זייער היכל. ס'איז אלעמאל די צוויי סארט זאכן: אביסל טוט מען די זעלבע סארט זאך אבער אנדערש, אביסל טוט מען אינגאנצן נישט. דאס איז פון די זאכן וואס מ'טוט, מ'מאכט א כיוון תפילה, מ'דאווענט נישט סתם אין די וועלט אריין.

ס'זעט אויס אז מענטשן האבן אז ס'פעלט אויס, מ'קען נישט סתם דאווענען, דאווענען אין די לופט. מ'דאווענט אין עפעס א דירעקשאן. פארוואס? איך ווייס נישט, אזוי גייט עס.

### דיסקוסיע: נפקא מינה פאר התבודדות — דארף מען דאווענען צו מזרח?

ס'איז נישט סתם, ווייל איך טראכט למשל א נייע חידוש, א נייע חידוש להלכה פון היינט. זיי האבן דאך געזאגט, יא, און זיי זאגן דאך אלעמאל, איך מיין, איך ווייס אז דאס איז א הלכה, אבער ר' נחמן ברעסלאווער האט גע'טענה'ט אז א מענטש וואס דאווענט באופן פרטי, ער מאכט התבודדות ווי ער האט עס גערופן, איז ער מקיים בעצם תפילה מדאורייתא. אזוי ברענגט ער, ר' נחמן האט געזאגט אז מ'זאל מאכן התבודדות, ער ברענגט דעם רמב"ם. אז מ'קוקט אין רמב"ם זעט מען אז עיקר התפילה איז נישט צו זאגן וואס ס'שטייט, עיקר התפילה איז צו זאגן "כפי יכולתו", אז ער זאל זיך אויסשמועסן און גראדע זאגן. האט ער געזאגט אז די תפילה וואס מ'דארף יא טון, די תפילה וואס מ'דארף טון איז דאס וואס מ'דארף טון, כדי מ'זאל זיך קאנעקטן אין עבודת השם.

סא קומט אויס פון רמב"ם, קודם כל, אז מ'דארף זיין בטהרת הגוף והידים, ווי מ'האט שוין געזאגט. צווייטנס קומט דאך אויס אז אויב מ'מאכט התבודדות דארף מען מאכן צו מזרח. ווייל אויב נוכח המקדש איז א תקנה כללית, ס'איז נישט קיין מדאורייתא'דיגע זאך, איז א זאך וואס איז קודם לנוסח התפילה אפשר ווען א מענטש דאווענט באופן פרטי איז אויך אן ענין.

איך מיין, אמאל האבן מענטשן געהאט די סענס אין די ראש און האבן געוואוסט וואו מזרח איז. רוב מענטשן וואס דו וועסט היינט פרעגן, דו וועסט אים אפשטעלן אין א רענדאם פלאץ, ער וועט נישט וויסן, אין א וואלד וועט ער גארנישט וויסן וועלכע זייט איז מזרח. ער וועט דארפן גיין זוכן. אמאל איז דאס געווען אן ענין, אז ווען א מענטש... אונז לעבן נישט אזוי שטארק מיט די אידיע פון צו וועלכע זייט איך בין. א מענטש'ס תודעה, ווייל אמאל האט מען נישט געהאט קיין שום מעפס און דעיס. די איינציגסטע זאך וואס מ'האט געהאט איז מ'האט געוואוסט וועלכע זייט.

**Speaker 2:** ניין, איך ווייס.

**Speaker 1:** ניין, איך טראכט צו דער חיוב האט זיך אפשר געטוישט, ווייל ס'איז היינט נישט קיין חלק פון דעם מענטש'ס תודעה.

**Speaker 2:** אה, אקעי, וואס... חידושים.

**Speaker 1:** אקעי, מיר רעדן דאך יעצט וואס איז דער חיוב.

**Speaker 2:** ניין, וואס איך מיין צו זאגן, לכבוד דעם אפשר איז געווען אז דער מענטש איז מתפלל לכיוון, מיין איך במחשבה.

**Speaker 1:** אגען, אלעס גייט צו ירושלים. מ'טוט דאך א מעשה, ווייל וואס ס'פלעגט זיין, אמאל, היינט איז וויניגער דא, אבער ס'פלעגט זיין אלע אידן, אז זיי האבן געהאט א צרה איז מען געגאנגען אין בית המדרש, און געגאנגען צו דרום קודש, און געבעטן צו דרום קודש, אזעלכע סארט זאכן. ס'איז אויך דא דאס צו זיין. אפילו אין בית המדרש, אסאך חסיד'ישע בתי מדרשים, מ'שפילט זיך ארום מיט די מזרח זאך. ס'איז נישט לגבי מזרח, ס'איז נישט לגבי מזרח בכלל. אבער מ'דארף עס האבן פאר אזעלכע פראבלעמען, ווייל מ'דארף זיך בויען א געוויסע וועג.

איך זאג, אויב איז עס אזא בעיסיק אזוווי ס'איז ממש דער עיקר תפילה צו תפילין מן התורה, וואלט מען זיך נישט ארומגעשפילט. מ'איז זייער ווייט פון ירושלים, איז אויפגעפונען געווארן וועגן צו רעכענען. ס'ווערט קיינמאל נישט געברענגט פונקטליך, דאס וואס מ'זאגט אז מ'דארף זיין דרום מזרח. ס'איז זיכער אז דער עיקר איז צו זיין עפעס א וועג, וואס ס'איז נישט דווקא פונקטליך.

אבער אזוי, ס'איז שוין א משפטיק, און איך ווייס שוין אז מ'מוז אזוי, איז זייער שטארק אריינגערופן. למעשה איז דאך אויך געווען דער ענין אין די בתי מדרשים. איך מיין, אין קבלה איז אויך דא אז מ'זאל דאווענען צו אלע פיר זייטן. די בתי מדרשים, די פארצייטישע בתי מדרשים, זענען געווען בענק טווארדס אלע זייטן. אבער ביים דאווענען שטעלט מען זיך אויף. שטעלט מען זיך אויף צו מזרח. אבער מיר גייען זען די רמב"ם וועגן דעם.

**הלכה ג: "וכן היה הדבר תמיד ממשה רבינו עד עזרא" — תפילה פאר די תקנות**

אקעי, זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"וכן היה הדבר תמיד ממשה רבינו עד עזרא"**. פון משה ביז עזרא, וואס איז דער עיקר תורה שבעל פה, איז אינטערעסאנט דער רמב"ם. אנפאנגען פון די אנשי כנסת הגדולה. איז געווען אזוי, אז די תפילה איז געווען מער מסור פאר יעדער מענטש, וויפיל מאל צו דאווענען און די נוסח און אזוי ווייטער.

**ראיה פון תנ"ך — תפילות בלי נוסח קבוע**

לכאורה, מ'קען ברענגען א ראיה פאר דעם, ווי ווערט געזאגט פאר די רמב"ם דעיס. מ'קען דאך קוקן אין חומש. מ'קען זען, יעקב אבינו האט געזאגט א תפילה, דניאל האט געזאגט א תפילה, ירמיה האט געזאגט תפילות. ס'איז דא אסאך תפילות אין תנ"ך וואס מ'זעט פון משה ביז עזרא. מ'זעט נישט קיינער פון זיי האט געזאגט "ברוך אתה ה'". סדר השמונה עשרה. זיי האבן געזאגט לפי צורך, לפי ענין.

**דער רמב"ם'ס שיטה — חכמים רעאגירן אויף מציאות, מאכן נישט נייע זאכן**

דער רמב"ם, יעדע מאל ווען ס'איז געשען א גרויסע טשעינדזש, בלעימט ער עס אויף די גלות, אויף די שווועריגקייטן. ניין, ס'איז טאקע אזוי. ס'קען זיין אז ס'קומט וועגן זיין סענסיטיוויטי צו בל תוסיף, אז מ'זאל נישט מאכן קיין גרויסע שינוי אין די תורה. אבער די שינוי געשעט אין די מציאות, נאכדעם געשעט א טשעינדזש אין די תורה.

אסאך מאל, נישט נאר א גרויסע טשעינדזש, ווען ס'ווערט אזוי ווי א פארמאליזעישאן. יא, ווען מ'האט געשריבן, דו האסט גערעדט מסתמא פון די... מ'האט געשריבן די משנה, אדער די תלמוד, דער רמב"ם אליינס. ווען ס'ווערט מער אזוי ווי א... ווען ס'ווערט מער אזוי ווי א קביעות, אז מ'מאכט א סדר, א נוסח, געווענליך קודם לכן איז געווען עפעס א גרויסע צרה.

מענטשן למשל היינט זענען למשל פארשטייען נישט פארוואס ס'איז געווארן יעדע זאך איז געווארן מיט זייער פארמעלס. ס'איז דא א סדר וויאזוי מ'מאכט א חתונה, און וויאזוי מ'מאכט א טיש, יעדע זאך קומט א געוויסע סדר. דארף מען וויסן, כיוון שגלו ישראל, ס'איז געווען גרויסע צרות, און מ'האט פארגעסן מער וויניגער. דער עולם וואלט געטון אזוי ווי ס'איז געווען פארדעם, מ'האט נישט געדארפט גארנישט, אבער ס'איז געווארן אז ס'ווערט פארמעל.

און איך טראכט אז דער רמב"ם האט יא אזוי ווי אן ענין אז חכמים מאכן נישט נייע זאכן, נאר חכמים קוקן אויף די ריעליטי. משה רבינו האט נישט געגאנגען אראפברענגען סליו סתם אזוי, נאר דער עולם איז געווען הונגעריג, אזוווי ס'שטייט אין נחלת נביאים. מ'גייט נישט מאכן א סידור. די חכמים זענען נישט קיין דיקטעיטארס וואס זוכן צו טשעינדזשן זאכן ווייל אזוי שמעקט זיי, נאר זיי זענען דא צו אפדעיטן די תורה, און אז די תורה דארף אן אייגענע זיך אנשטעלן.

**הלכה ד: "כיון שגלו ישראל בימי נבוכדנצר הרשע" — בלבול הלשונות**

זאגט דער רמב"ם, **"כיון שגלו ישראל בימי נבוכדנצר הרשע"**, ביי די ערשטע גלות, חורבן בית ראשון, ווען נבוכדנצר הרשע האט פארטריבן די אידן, **"נתערבו בפרס ויון ושאר האומות"**, זיי זענען געווארן אויסגעמישט אין די עמפייערס פון פרס, פון יון, און מחשמו"מ, **"ונולדו להם בנים בארצות הגוים"**. ער מיינט נישט די עמפייערס, ער מיינט אויך די עמפייערס, אבער ער מיינט אויך די מענטשן. פשוט אין די לענדער. ס'קען זיין אז זיי זענען געבליבן אין ארץ ישראל, אבער ארץ ישראל איז געווען א חלק פון די פארסישע עמפייער.

און "ונולדו להם בנים", אזוי זאגט ער יא, "ונולדו להם בנים בארצות הגוים", זיי זענען געווארן פארטריבן און מ'האט געהאט גוים אויף די שפראך. **ואותן הבנים נתבלבלה שפתם**, דאס זעען מיר אונז אביסל די ענין פון "שמרנו את לשוננו". פון משה רבינו איז געווען, אזוווי מיר דערמאנען אייביג פסח, "שמרנו את לשוננו". נאר ביי גלות איז געווארן "נתבלבלה שפתם", איז געווארן די שפראך, וואס איז **"והיתה שפת כל אחד ואחד מעורבת מלשונות הרבה"**.

זייער אינטערעסאנט. דאס איז א גלות פענאמענאן. ווען א פאלק זיצט זייער לאנג אויף איין פלאץ און ס'איז נישטא קיין גרויסע אמאונט פון אימיגרעישאן, בלייבט די שפראך זייער קלאר און אינטערעסאנט.

**דער לשון-שיבוש אין גלות און די תקנה פון שמונה עשרה ברכות**

**הלכה ד (המשך) — "נתבלבלו שפתותם" און דער ענין פון "שלא שינו את לשונם"**

אינטערעסאנט, דא זעט מען דאס אביסל די ענין פון "שלא שינו את לשונם". פון משה רבינו איז געווען אזוי ווי מ'דערמאנט אייביג פסח "שלא שינו את לשונם", נאר ביי גלות איז געווארן "נתבלבלו שפתותם", איז געווארן די שפראך וואס "שכל אחד ואחד מעורב מלשונות הרבה".

דאס איז אינטערעסאנט, דאס איז א גלות פון... ווען א פאלק זיצט זייער לאנג אויף איין פלאץ און ס'איז דא נישט קיין גרויסע amount פון immigration, בלייבט די שפראך זייער קלאר און און מדויק. אבער איינמאל ס'ווערט א געמישעכץ, סאו די אידן האבן אנגעהויבן רעדן, א חלק האט מען גערעדט ווערטער וואס מ'האט געדענקט פון לשון הקודש פון די זיידעס און פון די באבעס, א חלק האט מען אויפגעפיקט פון פרס ויון. **"וכיוון שהיו מדברים, לא היה אחד יכול לדבר כל צרכו בלשון אחת אלא בשיבוש"**. מילא האט מען נישט געקענט רעדן איין שפראך, נאר בשיבוש. **"שנאמר ובניהם חצי מדבר אשדודית"**, ברענגט ער א פסוק אויף דעם, "אז בימי נחמיה", דאס איז בערך אין די ציי טן פון עזרא, יא, עזרא און נחמיה זענען געווען איין גרופע, איז א האלבע פאלק רעדט אשדודית, דאס איז די פאלק וואס האט געוואוינט אין שטאט אשדוד און און און באגאנבעט. וואס? די שטאט אשדוד איז א מאדערנע שטאט. ס'איז די זעלבע פלאץ. **"ואינם מכירים לדבר יהודית"**, זיי האבן נישט געקענט רעדן יהודית, מ'מיינט דא לשון הקודש, **"וכלשון עם ועם"**. זיי האבן נישט געקענט רעדן אזוווי זייער שפראך פון זייער אייגענע פאלק.

**דער רמב"ם'ס טייטש פון דעם פסוק אין נחמיה**

דער רמב"ם טייטשט אזוי, נישט נאר האבן זיי נישט געקענט יעצט... סאו ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל דער פסוק קאמפלעינט דא בעצם פון די נשים נכריות וואס זיי האבן געגומען, יא, נשים אשדודיות, עמוניות, מואביות. און ער זאגט אז וואס געשעט, זייער אינטערעסאנט, נחמיה, דאס איז נחמיה, דאס איז אבער נישט... יא, נחמיה רעדט דא. נחמיה קאמפלעינט דא וועגן די התבוללות, יא, וועגן ווי אידן האבן זיך צוגעמישט מיט גוים, כולם האבן זיך חתונה געהאט מיט די גוי'אישע פרויען. נאכדעם, ווייסטו וואס ס'געשעט ווען מ'האט חתונה מיט גוי'אישע פרויען? דיינע קינדער האבן נישט געקענט קיין לשון הקודש אפילו. דאס איז די שרעקליכע זאך. ער זאגט נישט וועגן די עבודה זרה, קען זיין זיי האבן נישט געדינט קיין עבודה זרה שוין דעמאלטס.

דא ווערט דערמאנט נישט די חתונה פרויען, ער זאגט דא די עצם וואוינען צווישן גוים. גוט, אבער יא, ער זאגט דיך נאכדעם וואס דער נביא, נישט נביא, נחמיה זאגט, יא, מ'קען זען ווי שרעקליך ס'איז, וועגן וואס מ'זאגט, איך האב געזען מענטשן רעדן, למשל, מענטשן אין ארץ ישראל, ער גייט אין חוץ לארץ, זיינע קינדער האבן אפילו נישט געקענט קיין עברית. איי, יא. זיינע קינדער... ס'מיינט, מ'ווערט אפגעריסן נישט נאר פיזיש, נאר אויך אין די קולטור, די נפשיות'דיגע ווערט מען אפגעריסן. אדער אז די מאמע רעדט אשדודית און דיין טאטע רעדט יהודית, דו קענסט נישט דאס און נישט דאס. אבער אזוי איז עס, דער רמב"ם רופט דאס אן א שיבוש. אויך האט מען פריער גערעדט וועגן שכוח, שכוח איז א שלעכטע ווארט. דער רמב"ם האט געזאגט אז ס'איז א שיבוש'דיגע ווארט, ס'איז נישט קיין גוטע ווארט.

**דער רמב"ם'ס שטרענגע באווערטונג פון שפראך-מישונג**

אסאך מענטשן האבן געזאגט, איך ווייס, אין לעיקוואוד רעדט מען אינגליש, מען רעדט אידיש-אינגליש, א ביסל עברית, און א ביסל צוזאמגעמישט. און אידן אין אונגארן האבן גערעדט א געמיש פון אידיש מיט אונגאריש. און מענטשן קוקן עס אן ווי ס'איז אקעי, אזוי גייט עס. אבער דער רמב"ם קוקט עס נישט אן אזוי, א מענטש דארף האבן א קלארע שפראך. און ווען מ'רעדט פון א געמישעכץ, דאס איז א... איך טראכט, ניין, דער פשט איז געוואלט געקענט זאגן וואס איז א סימן, ס'איז נישט קיין סיבה, ס'איז נישט קיין עבירה. אבער דא זעט איר אויס אז ס'איז נישט קיין שיינע זאך, ס'איז נישט קיין וועג צו רעדן צו א מלך. דער רמב"ם האט געהאלטן אז ס'איז א געוויסע פארמאליטי, מ'זאל רעדן שיין. דאס איז איינס.

איך האב געטראכט, יא, אפשר אן אנדערע פשט. אבער ס'קען זיין דער רמב"ם איז געווען א זייער א פארמאל מענטש, ער האט געהאט, ער וואלט סתם נישט ליב געהאט אז מ'רעדט אזוי, ווי מ'זאגט, ער איז אומווייסנד אין דריי שפראכן, יא, ער קען נישט קיין... א מאור איז אין אידיש, ענגליש, עברית, לשון הקודש.

**צוויי מעגליכע טעמים פאר דער תקנה**

אבער ס'קען זיין דער רמב"ם האט געטראכט אז ס'איז אפשר מער אז מ'פילט זיך פרעמד. אה, אה, דאס האב איך געוואלט זאגן. איך מיין אז ס'איז זייער מעגליך אז דאס איז אן ענין לאומי, אן ענין פון... אזוי זעט אויס די נעקסטע שטיקל. קוק, **"בני זקן שהיה אחד מהמתפללים, תקצר לשונו לשאול חפציו ולהגיד שבח הקדוש ברוך הוא בלשון הקודש"**, איינער פון די אידן אין יענע צייטן האט מתפלל געווען, ער האט נישט געהאט גענוג א רייכע לשון הקודש צו בעטן זיינע חפצים, ער האט זיך נישט געקענט ארויסברענגען אין לשון הקודש. וואס האט ער געטון? **"יערב עמה לשונות אחרים"**.

איך טראכט, דאס איז דער ענין, נישט נאר די שיבוש. ס'איז א גרויסע בושה אז דו ביסט נישט קיין פולער איד, דו ביסט אזא פרסי'שער איד וואס דו מישט צוזאם אידיש מיט פרסיש. סא ביים תפילה האט מען דערמאנט נאכאמאל די גנאי אז אידן זענען מער נישט קיין אחדות'דיגע פאלק. נישט נאר דאס איז א בושה, איך וואלט געטראכט אז מענטשן הערן אויף צו דאווענען וועגן דעם. ווייל א מענטש קומט אין שול, ער פילט זיך נישט אין א פלאץ וואו דער עולם איז מאוחד, די תפילה איז געבויט אויף לשונות פון פסוקים.

**די געפיל פון פרעמדקייט ביים דאווענען**

וויאזוי א מענטש דאווענט, דאווענט ער זיך צו אלקי יעקב, צו דער אייבערשטער וואס האט אונז ארויסגענומען פון מצרים. און אנשטאט ער זאל זאגן "מצרים", וועט ער זאגן "אידזשיפט". ער פילט זיך... שטעל דיך פאר אז א מענטש קומט צום סדר און ער זאגט, "העלאו משה, קאם קאם משה". די משה מיט די מכות... דער מענטש פילט זיך אז... א מענטש גייט אין שול, איך ווייס נישט, קומען מענטשן אין שול, ער קען נישט אפילו די שפראך, אונזערע אויך טוען אביסל אזוי, וועלן זיי רופן אונזערע... א זאך פון אונזערע חבר'ה. מ'איז נישט צוגעוואוינט צו רעדן נישט אין לשון הקודש, און מ'קומט נישט, מ'פילט זיך פרעמד.

ס'איז א גרויסע פראבלעם אונז אידן, אויב ווייל מען קוקן וואס איז דער חילוק צווישן אידן אין ארץ ישראל און אידן אין אמעריקע. אידן אין ארץ ישראל, א נארמאלער אינגל וואס פארשטייט אביסל, ער קען עפענען א סידור און בערך פארשטיין וואס מ'רעדט. א אינגל אין אמעריקע, אנפארטשונעטלי, ער קען טייטשן גמרא, אבער ער עפנט אויף דעם סידור און ער ווייסט נישט וואס ער רעדט. ממש דאס וואס דער רמב"ם האט דאס געזאגט. שטעל דיך פאר ווען ער האט אפילו נישט קיין סידור, ווי שלעכט ס'וואלט געווען. ער וואלט געפריידט זיך צו קנעכטן, ער וואלט געפריידט צו זאגן "פא פא פא", ער וואלט נישט געוואוסט.

**דיסקוסיע: דאווענען אויף אידיש אלס לעזונג?**

ס'איז דא אויך דער חלק פון אלע אידן דאווענען בערך אין איין שפראך. ס'איז דא עפעס אן ענין פון "לשון ערומה מכל הלשונות", אידן האבן א געוויסע שפראך. רייט, רייט. ס'קען זיין אז "ודגלו עלי אהבה" איז אויך א חיזוק, אדער ס'איז דא א מעלה אין דעם וואס דו זאגסט. איך וויל נאר ארויסברענגען, איינער זאגט אז ס'איז דא א פראבלעם אז דער עולם פילט זיך נישט קאנעקטעד מיט די סידור, זאל מען דאווענען אויף אידיש. דאס איז אן עצה, אבער דאס איז אויך אן עצה וואס העלפט אין איין זייט און עס מאכט חרוב אין די צווייטע זייט, ווייל ער ווערט דיסקאנעקטעד פון די שפראך.

אבער ס'קען זיין אז די סיבה וואס מ'האט געטוישט איז נישט א דין אין הלכות תפילה, ס'קען זיין אז ס'איז א דין אין סתם, אין כלל ישראל, כדי אידן זאלן יא האבן א שפראך אין וואס זיי קענען. אבער תפילה איז תפילה. ס'וואלט נישט גע'פסל'ט די תפילה, ווייל די תפילה האט נאך אלץ די שאלת צרכים און די שבח והודאה, איז גערעכט. ס'וואלט נישט, אבער מ'האט נאך אלץ געהאט א שפראך. אזויפיל, מ'האט ביז אנשי כנסת הגדולה געשריבן אויף אן עכטע לשון הקודש. יא, כמעט יעדער איינער קען עס פארשטיין, ווער ס'קען אביסל. אבער ס'איז נישט פשט אז ער גייט יעצט קענען רעדן אזוי א גאנצן טאג. ער גייט וויסן אז ווען ער דאווענט, דאווענט ער ווי א איד. ער איז נישט צעמישט, ער פילט זיך נישט פרעמד ביים דאווענען. ער איז א סארט "חצי אשדודית", אבער ביים דאווענען איז ער אינגאנצן א איד. מער אזא זאך.

הגם מעיקר הדין תפילה בכל לשון, ס'איז נישט קיין דין אז מ'דארף דאווענען אויף דעם. אבער ס'איז גערעכט, מ'קען נישט זאגן אז מ'דארף דאווענען אויף דעם. מ'דארף דאווענען אויף דעם. און ס'קען זיין אז דאס איז וויכטיג דאס, אז מ'זאל זיך קאנעקטן. מ'וועט קלערן, מ'וועט קלערן. די ערשטע זאך וואס דו זאגסט, קען זיין אז ס'איז נישט א דין אין תפילה, ס'איז א דין אין כלל ישראל, אין די צורה פון כלל ישראל.

און די צווייטע זאך, זאגט דער רמב"ם, אפילו אין תפילה איז דא א דין. דער רב שטייט דאך עומד לפני מלך, ווי אזוי זאגט די גמרא? עומד לפני מלך, רעדט ער ווי א ברסלב'ער, שרייט? ס'איז דא א טענה, פיל מענטשן האבן א טענה אויף דעם, ס'איז נישט אזוי סימפל.

**הלכה ה — די תקנה פון עזרא ובית דינו**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, קוק, דא זעט מען עס קלאר. די פייטנים האבן זייער שטארק געוואלט אז די תפילה זאל זי��ן שיין און מסודר. זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"וכיוון שראו עזרא ובית דינו"**, עזרא ובית דינו, דאס ווערן אויך אנגערופן אנשי כנסת הגדולה, האבן געזען דעם מצב, האבן זיי זיך אויפגעשטעלט, האבן זיי זיך אזוי גענומען אין די הענט אריין, **"ותקנו להם שמונה עשרה ברכות על הסדר"**, זיי האבן געמאכט די אכצן ברכות על הסדר, אויף די סדר התפילה פון אנהייבן בשבח און ענדיגן.

#### הלכה ו – די סטרוקטור פון שמונה עשרה ברכות

איז דער רמב"ם מסביר, וואס איז די סדר? **שלוש ראשונות איז שבח כלפי שמים**, און זיי האבן פריער גערעדט אז קודם רעדט מען די שבח פון דער אייבערשטער, זאגסט "האל הגדול הגבור והנורא", "מחיה מתים", "רופא חולים", און אזוי ווייטער, "קדוש", די גרויסקייט פון דער אייבערשטער. **שלוש אחרונות איז הודאה**, "מודים אנחנו לך" אויף אלע גוטס וואס דו טוסט מיט מיר, "על חיינו המסורים בידך" און אזוי ווייטער. "שים שלום" איז אביסל אינטערעסאנט דא, אבער זאגט דארטן... נאר איינע פון זיי האט קלאר הודאה, מודים. ער זאגט איר, "ובאור פניך נתת לנו" האסט אונז געגעבן תורת חיים, ס'איז נישט קלאר.

**"ואמצעיות"**, אין די מיטלסטע צוועלף ברכות, **"יש בהן שאלת כל הדברים"**, בעט מען אויף אלע זאכן. וואסערע אלע זאכן? זאגט ער, מען רעכנט דארטן אויס די וויכטיגסטע זאכן, **"שהן כמו אבות לכל חפצי איש ואיש"**, צווישן די צוועלף ברכות רעכנט מען ארויס אלעס אז ס'זאל אינקלודן אלעס וואס א מענטש דארף האבן, **"ולצורך הציבור כולם"**, סיי וואס די פערסאנעל מענטשן דארפן האבן, און סיי וואס די כלל דארף האבן.

#### דיסקוסיע: "אבות" און "תולדות" אין די ברכות

וואס מיינט אזוי ווי אבות די כתולדות? יא, ס'הייסט נישט א חקלאי, דו מאכסט א חשבון, רפואה, ברכה, גאולה, פרנסה, דאס איז מער וויניגער. דו דארפסט פונקטליך אזא סארט פרנסה, אבער ס'איז שוין א תולדה פון יענע זאכן. מער וויניגער, איך ווייס נישט וואס דו קענסט טראכטן.

#### דיסקוסיע: פארוואס פעלן שידוכים און חינוך קינדער?

ס'איז דא א פאר זאכן וואס מענטשן האבן טענות אז ס'שטייט נישט אין שמונה עשרה. למשל שידוכים שטייט נישט, אדער למשל חנוך קינדער. ס'איז דא געוויסע זאכן וואס ס'שטייט אינגאנצן נישט אין שמונה עשרה. ס'זעט אויס אז בזמן אנשי כנסת הגדולה האבן זיי נישט געטראכט אז דאס איז די וויכטיגסטע זאכן, אז ס'איז נישט קיין צורך, און ווייסן אז ס'איז טאקע שווער.

מ'קען עס נישט אריינלייגן מיט אין איינע פון די... אלעס קען מען, אבער ס'איז זיכער עפעס א גאנצע האנט וואס זעט ווען מענטשן בעטן ברכות, ס'איז דא א... בעסיקלי, עזרא האט געזאגט, שטעל דיר פאר אז איינער איז א רעדנער, און ער מאכט... און די קינדער דערמאנט מען נישט, דאכט זיך. רייט. ס'איז צוויי גרויסע זאכן וואס מענטשן זענען סטראגלינג מיט פארוואס ס'שטייט נישט. ס'קען זיין אז... איך ווייס נישט פארוואס.

אבער חז"ל האבן דאך אויך געמאכט אז... אזוי זאגט די גמרא, אז ביי שומע תפילה קען מען צולייגן. אבער די רמב"ם האט מען געמאכט יא אפיס לכל צרכי איש, און אויך צרכי ציבור. אבער לכאורה אין די דעמאלטסדיגע מציאות איז טאקע געווען אנדערש. מענטשן האבן געקענט האבן מערערע ווייבער, תפילה איז דאך געמאכט געווארן בעיקר פאר די מענער, די נוסח התפילה.

אבער למשל, דאווענען אז מ'זאל האבן קינדער איז איינע פון די ערשטע תפילות וואס שטייט אין די תורה, "ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו". ס'איז נישט קיין זאך וואס האט זיך היינט אנגעהויבן. אויף א שידוך אויך, האט מען אליעזר געדאווענט צו טרעפן א שידוך פאר יצחק. יא, ס'איז נישט קיין חידושים וואס מ'האט אויסגעטראכט די סארט תפילות.

אקעי, אינטערעסאנט. אפשר איז עס ווייל ס'איז מער מזדמן. איך טראכט אז די זאכן וואס מ'דאווענט זענען זאכן וואס זענען בכל יום. יעדע טאג דארף א מענטש פרנסה. די זאכן איז פאר איין מאל אין לעבן דארפסטו א שידוך, דארפסט קינדער. ס'איז נישט די אנדערע סארט תפילות. אפשר יענע סארט תפילות ווייל מען דוקא נישט ס'זאל זיין אין שמונה עשרה.

#### די סדר: קודם חפצי איש, דערנאך צרכי ציבור

אקעי, ס'איז אינטערעסאנט. ער זאגט קודם די חפצי איש ואיש, און ס'איז דאך טאקע אזוי, ווייל מ'הייבט אן מיט דעת, תשובה, רפואה, און נאכדעם בעט מען גאולה, בנין ירושלים. קודם בעט מען וואס ס'איז נוגע פאר זיך.

#### דער עיקר-צוועק פון דער תקנה

זאגט דער רמב"ם, פארוואס האט מען געטון אזוי די אופן? **כדי שתהא ערוכה בפי הכל**, כדי יעדער איינער זאל עס זיין אנגעגרייט, ערוך, ס'זאל זיין ארגאניזירט בפי הכל, **וילמדוה מהר**, אז מ'זאל עס קענען אויף א פוינט וואס מ'זאל עס קענען אויסנווייניג. **ותהא תפילת אלו העלגים תפילה שלימה כתפילת בעל הלשון הצחה**. אזוי אז אויך דער עלג, דער וואס האט א לשון משובש, זאל אויך קענען דאווענען א געהעריגע דאווענען אזוי ווי איינער וואס האט א שיינע שפראך.

ס'איז זייער שיין. סא די ריזן פארוואס מ'האט טאקע געמאכט א תפילה איז וועגן די קוואליטי.

### תקנת נוסח התפילה וקביעת מספר התפילות ביום

#### הלכה ג (המשך) – סיבת תקנת נוסח קבוע: כדי שיהיו ערוכות בפי הכל

## Speaker 1:

**כדי שיהיו ערוכות בפי הכל, כדי יעדער איינער זאל עס זיין אנגעגרייט, ערוך, ס'זאל זיין ארגאניזירט בפי הכל, וילמדו אותם מהר. ממילא, ותהיה תפילת אלו העלגים תפילה שלמה כתפילת בעלי הלשון הצחה.** אזוי אז אויך דער עלג, דער וואס האט א לשון משובש, זאל אויך קענען דאווענען א געהעריגע דאווענען אזוי ווי איינער וואס האט א שיינע שפראך. זייער שיין. ס'איז די ריזן פארוואס מ'האט טאקע געווען נוסח התפילה איז וועגן די קוואליטי.

ס'זעט דא אויס אזוי אז א בעל הלשון הצחה בעצם וואלט אפשר געקענט ווען בלייבן מיט זיין לשון צחה. יעצט שוין דא אזא לא פלוג, יעדער איינער ווערט זיך צושטעלן. אהא. **וכן כל ענין זה תקנו כל הברכות והתפילות הסדורות בפי כל ישראל.** ס'זעט דא אויס, קודם האבן זיי געמאכט תפילת שמונה עשרה, און זיי האבן צוגעלייגט אלע ברכות און תפילות אז ס'זאל זיין מסודר בפי כל ישראל. **כדי שיהא כל ענין ברכה ערוך בפי העלג.** ס'דארף נישט נאר אויף די... ס'קען זיין אז דו וועסט עס זאגן שענער שפעטער, נישט ביז עזרא ונחמיה. אבער זיי זענען געגאנגען ווייטער, און זיי זענען מהלך און געמאכט אז אויך ווען מ'דארף מאכן א ברכה אויף ברויט זאל זיין א קלארע ברכה, כדי אויך דער עלג, דער מענטש וואס האט נישט קיין גוטע לשון, זאל וויסן וואס צו דאווענען.

מיר האבן געזען פריער אז ער האט געזאגט אז די ברכות וברכת קריאת שמע, ער האט געזאגט אז אנשי כנסת הגדולה האבן עס געמאכט. געדענקן? אנשי כנסת הגדולה תקנו לישראל ברכות ותפילות קדושות והבדלות, אזוי ברענגט ער די גמרא. אבער איך געדענק אז דער רמב"ם אליין האט שוין געזאגט, געדענקסט אין הלכות קריאת שמע? ווען ער האט גערעדט וועגן ברכת קריאת שמע, געדענק איך אז ער האט שוין געגעבן עפעס אזא זאג אז מ'דארף זאגן די נוסח ווייל אנשי כנסת הגדולה האבן עס געמאכט. יא? קוק, **ברכות אלו**, דאס איז די לשון, הלכות קריאת שמע פרק א', **ברכות אלו וכן שאר כל הברכות ערוכות בפי כל ישראל.** ס'איז אינטערעסאנט. לכאורה מיינט ער צו זאגן אז תורה שבעל פה, ערוכות בפי כל ישראל, וואס מיינט דאס? ווי שטייט די אלע ברכות? אלע אידן ווייסן אז ס'שטייט אין א סידור. דער רמב"ם האט שוין געשריבן אין א סידור, אבער ער זאגט דער רמב"ם, עזרא ובי"ד תקנום, אזוי זאגט ער דארט. ער זאגט יא לכאורה אז אלע ברכות האבן אנשי כנסת הגדולה.

#### דיסקוסיע: פארמאליטעט קעגן אויטענטיציטעט

### Speaker 2:

זיי האבן גערעדט דא וועגן אז דו האסט דערמאנט רב נחמן, למעשה זעט אויס אז חז"ל האבן פריפערד די פארמאליטי ווערסעס די אויטענטיסיטי.

### Speaker 1:

דאס קענסטו זאגן. ס'איז אסאך מער ווען א מענטש דאוונט מיט זיין אייגענע שפראך, ס'איז א געוויסע מער אויטענטיק, ס'איז גרינגער מכוון צו זיין. אבער ס'איז דאך וויכטיגער די איידיע אז ס'זאל זיין שיין, אז ס'זאל שטימען, ס'זאל נישט זיין קיין סתירות, מ'קען אומבאהאלפן. היינט, ספעציעל חסידים, לייגן אזא ריזיגע דגוש אויף די אויטענטיסיטי, אויף די אמת'דיגקייט, און מ'פארגעסט אז די סדר, די ארגאניזעישאן, די פארמאליטי, איז זייער זייער וויכטיג. דא זעט מען אז די עזרא בית דין האבן געהאלטן אז ס'זאל נישט זיין קיין עלגים, און ס'איז וויכטיגער ווי...

### Speaker 2:

אבער קומט דאך נישט ארויס אז ס'איז נישטא א טשענס פאר שמעת תפילה און פאר אנדערע תפילות?

### Speaker 1:

יא, איך האב געמיינט אז מ'קען טאקע מאכן א ספעציעלע זמן פאר תחנונים, נאכ'ן דאווענען תחנון, אדער שמעת תפילה וכדומה. דאס איז איין זאך.

צווייטנס, זעסטו דא אז ער זאגט אז גאנץ אסאך, אלעס איז צו העלפן די עלגים. די אלע זאכן איז פשוט צו העלפן די עלגים. און די אמת איז, די אמת איז, אפילו די ברסלב'ער, יא, ר' נחמן זאגט אז מ'זאל מאכן תפילות, איז געגאנגען ר' נתן און געשריבן א גאנצע בוק פון "לקוטי תפילות". ווייל מענטשן, אסאך מאל ווען מ'זאגט פאר א ברסלב'ער, ער זאגט מ'זאל מאכן התבודדות, קומט דער מענטש צוריק און ער זאגט, "איך ווייס נישט וואס צו זאגן." ס'איז זייער סעד! ס'איז זייער סעד! ס'מיינט אז א מענטש איז נישט מסודר אין זיין קאפ וואס ער דארף. און דאס איז א חלק פון תפילה בעצם, די מסודר זיין אין די קאפ וואס איך דארף, וויסן א ליסט. נישט זאגן, "באשעפער, העלף מיר, פליז." דאס איז אויך גוט, דאס איז אן אומבאהאלפענקייט, אזא זעקה פון "איך בין אזוי צעבראכן, איך ווייס ניטאמאל וואס צו זאגן." אבער...

אבער וועגן די סעדנעסס האבן די חכמים געהאלפן, די חכמים קומען צו העלפן די עלגים. "תורה ונישון עלג" שטייט אפשר איז דא א פסוק שוין אינעם, די אלעס איז צו העלפן פאר די עלגים זאלן קענען זאגן שיין. דאס איז אלץ אן אהבת ישראל בעצם, ער וויל מרומם זיין די פשוט'ע אידן.

און אנדערע ווערטער, ווען פארדעם וואלט געווען אזוי, לאמיר זאגן ס'קומט צו א שבע ברכות, מ'זאגט ברכת המזון, יא? וואלט דער חכם וואס זאגט די שיינע נוסח און די פיוטים, די אמרות, וואלט אנגעהויבן צו קעקצן. יעצט זאגט יעדער איינער די זעלבע שיינע נוסח. ס'איז א געוויסע אמת, יא.

#### שבח ביים סוף פון תפילה — קירוב און ריחוק

### Speaker 2:

איך זע אז דער מפרש הרמב"ם ווייסט נישט פון וואו נעמט ער אז ס'דארף זיין שבח אויך ביי די ענד. דאס "לעולם יסדר אדם שבחו של מקום ואחר כך יתפלל" איז א גמרא פון משה. אבער דאס איז ביי די ענד.

### Speaker 1:

סאו איך טראכט אן אינטערעסאנטע פשט, אפשר די ווארט איז אזוי, אונז דארפן אייביג ווערן נאנט צו די אייבערשטער, מען דארף אויך האלטן די דיסטענס, געדענקען אז דער אייבערשטער איז א גרויסער שרעקעדיגער מלך. סאו ווען א מענטש הייבט דא אן בעטן זיין "טו-דו ליסט" פאר'ן אייבערשטן, "באשעפער, איך דארף דאס, איך דארף יענץ, איך דארף דאס", סאו די שבח פארדעם און די שבח נאכדעם איז ווי מחזק צו זיין דאס אז דער אייבערשטער איז זייער גרויס. סאו ווער נישט דיין... ס'איז אזא ענין פון די קירוב און ריחוק, יא, אבער "כבאתי מלך לפניך שאין בי מעשים". איך טראכט אזוי. אקעי, סטאפ עס נאר א מינוט, איך דארף ארויסגיין.

#### הלכה ד — תקנת מספר התפילות ביום

##### מספר התפילות כנגד הקרבנות

### Speaker 1:

אה, חוץ פון דעם וואס זיי האבן געמאכט די נוסח, האבן זיי געמאכט אויכעט ווי אפט מ'זאל דאווענען, ווי סאך מאל א טאג מ'זאל דאווענען. ס'זעט אויס, דאס איז אינטערעסאנט, אין רמב"ם זעט אויס אז ס'איז דא צוויי דינים אזויוי. ס'איז דא די דין פון וויפיל מאל א טאג מ'דאווענט, און נאכדעם יעדע איינע פון די תפילות האט א זמן, אבער ס'איז נישט די זעלבע זאך. אפשר דאס איז די פשט פון "תפילות תשלומים", פשט אז ער איז משלים, פשט, היינט האב איך געדאוונט דריי מאל. ס'איז עקסטער פון דעם וואס היינט דארף מען דאווענען אינדערפרי, נאכמיטאג און ביינאכט.

אבער וואס זאל עס טאקע מאכן דריי מאל א טאג? פארוואס זאל עס נישט געלאזט איינמאל א טאג? מ'דארף עס טראכטן, לאמיר זען. לכאורה **תיקנו שיהא מנין התפילות כמנין הקרבנות.** אז די אמאונט פון תפילות, וויפיל מאל א טאג מ'דאווענט, איז אזויפיל וויפיל קרבנות מ'ברענגט א טאג. וואסערע קרבנות? ס'איז דא צוויי מיני קרבנות יעדן טאג, **שתי תפילות בכל יום כנגד שתי תמידים.** אזויווי די גמרא זאגט, "תפילות כנגד קרבנות תקנום".

לכאורה די פשט איז אז זיי האבן זיך אומגעקוקט אויף די בית המקדש. די בית המקדש איז די מאדעל פון עבודת השם. יא, עבודה שבלב זו תפילה, אבער די עיקר עבודה, אזויווי די גמרא זאגט "עבדוהו במקדשו", איז אויב אין די מקדש איז נישט גענוג איינמאל א טאג, נאר ס'איז דא צוויי. ס'איז אינטערעסאנט, ס'איז זייער ענליך צו קריאת שמע, און אויכעט איז ביידעס, צופרי און ביינאכט. ס'איז אזויווי די טאג איז צעטיילט אין צוויי. איז דא צוויי קרבנות. די זעלבע זאך, שתי תפילות בכל יום כנגד שני תמידים.

זאגט די רמב"ם, איינמאל מ'האט געזאגט געווען די זאך, יא, אז תפילות זענען כנגד קרבנות, האט מען געמאכט אינגאנצן כנגד קרבנות. אויב ס'איז דא טעג וואס די בעיסיק עבודת השם איז אז ס'זאל אויכעט זיין נאך א קרבן, האט מען נאך צוגעלייגט נאך א תפילה. **וכל יום שיש בו קרבן מוסף, תיקנו בו תפילה שלישית כנגד קרבן מוסף.** ס'איז אינטערעסאנט, ווייל אויב וואלסטו געזאגט אז די ווארט איז ווייל יעדן טאג האט צוויי חלקים, ס'איז דא צופרי און ס'איז דא ביינאכט, זאל מען ביידע דאווענען, אזוי ווי מ'האט געלערנט לגבי קריאת שמע און אויך לגבי תלמוד תורה, איז ווי קומט אריין א קרבן מוסף? מ'דארף טראכטן. ס'זעט אויס פון פריער, די זאך וואס די רמב"ם האט געזאגט אז לפי כוחו, זעט אויס אז ס'איז דא אן ענין צו דאווענען מער ווי איינמאל א טאג. "הלואי שיתפלל אדם כל היום כולו" איז די מקסימום, אבער ס'איז דאך דא א זאך, א שיינע זאך, אז מ'דאווענט צוויי מאל א טאג, דריי מאל א טאג, פיר מאל, פינף מאל, ווי די מוסולמענער דאווענען. ס'וואלט געווען א שיינע זאך צו דאווענען מערערע מאל א טאג.

סאו די חכמים האבן עס פארמאליזד. אפילו א חילוק געווען צווישן ארץ ישראל און בבל, אין ארץ ישראל האט מען געדאוונט זיבן מאל א טאג, אין בבל האט מען געדאוונט צוויי מאל א טאג. איז די חכמים האבן עס פארמאליזד, און זיי האבן עס פארמאליזד, האבן זיי גענוצט די סטרוקטור. די רמב"ם זאגט נישט אז ס'איז זיכער די קרבנות. זיי האבן גענוצט די סטרוקטור וואס דו האסט געזאגט, זיי האבן גענוצט די סטרוקטור פון די זמנים פון די קרבנות. און לכאורה "היום שש ביושר אבותיך" איז פשוט א יום טוב, ס'איז דא מער ששון ושמחה, ס'האט נישט מיט די זמנים. זמנים איז נאך א זאך.

זיי האבן געמאכט אז א מער א הייליגע טאג, אז ס'איז דא אזא זאך, קומט אמאל, דאווענט מען פארגרעסערט די מדריגה פיר מאל. אדער א טאג וואס מ'גיבט אוועק מער פאר עבודת השם, א טאג וואס מ'ארבעט נישט, א טאג וואס ס'איז א יום טוב. נישט יעדע טאג וואס ס'איז דא מוסף ארבעט מען נישט, אבער ראש חודש, אבער ס'איז דא מער אן ענין וואס איז... ס'פאסט, אזא הייליגע טאג פאסט צו מאכן מער תפילות. מ'זעט יום כיפור אדער א

תענית מאכט מען פינף תפילות. נישט ווייל ס'איז דא מער צייט אין יום כיפור, ס'איז א שיינערע זאך, ס'איז א מעלה צו מאכן מער תפילות.

**דיסקוסיע: די שייכות פון תפילה צו קריאת שמע**

## Speaker 2:

אינטערעסאנט, אונז האבן מיר צאמגעשטעלט אלעס איז איין זאך, די ברכות קריאת שמע מיט שמונה עשרה איז איין לאנגע זאך, און נאכדעם האבן מיר נאך סומך גאולה לתפילה. דא זעט אויס אז ס'האט נישט קיין שייכות.

## Speaker 1:

אריגינעל נישט. אריגינעל נישט. איך האב געזאגט, מ'קען זאגן די אנדערע סיבה, מ'דאווענט צוויי מאל א טאג ווייל מ'לייענט קריאת שמע צוויי מאל א טאג, און מיט יעדע קריאת שמע האט מען צוגעלייגט... אבער מנחה דאך נישט. מעריב איז א רשות.

אבער איך רעד שוין ווען מ'דארף עפעס זאגן צו חידוש. דו האסט געמיינט צו זאגן דאס וואס דו האסט געזאגט וועגן די קרבן מוסף, דאס איז לכאורה במקרה. בעצם די עיקר זאך איז צו מאכן נאך א תפילה. אז מ'מאכט נאך א תפילה קעגן מוסף, רעדט מען שוין וועגן עפעס אנדערש. מוסף איז דאך א שאילת צרכים, מ'בעט נאר אויף די גאולה. ס'איז א שאילת צרכים פון כלל.

## Speaker 2:

אקעי.

## Speaker 1:

רייט, איך האב געזאגט נאר אז ס'איז נישט פשט אז מ'דארף זאגן... די רמב"ם זאגט עס אויף דעם וועג. אזוי שטייט אין די גמרא, תפילה כנגד קרבנות. וואלט מען געקענט זאגן אז ס'איז במקום קרבנות, אזוויו "ונשלמה פרים שפתינו". אבער ס'איז געווען תפילה אין די צייט וואס ס'איז געווען קרבנות אויך. דאן איז נישט געווען אזא גדולה, דעמאלטס איז עס געווען בעת שעני. פארקערט, ס'איז נישט פשט אז מ'דאווענט מוסף ווייל מיר קענען נישט מאכן די קרבן מוסף, און מ'זאגט דאס פאר מוסף, ווייל היינט איז אין אזא סיטואציע. מ'רעדט נישט וועגן די פראבלעם וואס אונז האבן אז מ'קען נישט מאכן קיין מוסף, און ס'איז פאסט פאר די זמן. נאר בעצם, פארוואס דאווענט מען מוסף? פאר די זעלבע סיבה פארוואס מ'מאכט א קרבן מוסף, ווייל היינט איז א יום טוב, היינט איז חול המועד, קומט צו זיין נאך א תפילה.

ס'איז אן אנדערע סארט עבודה. אדרבה.

**שמות התפילות**

## Speaker 1:

**ותפילה שכנגד תמידין של בין הערביים**, פארוואס רופט מען איר תפילת שחרית? אדער שחרית, ער זאגט תפילת שחרית ווייל די זמן איז צופרי. אבער ניין, ווייל ס'איז כנגד די קרבן פון צופרי. ער זאגט נישט ווייל, איך ווייס נישט. ער זאגט, **"תפילה שכנגד תמיד של בין הערביים, והיא נקראת מנחה".** וואס טייטשט דאס ווארט מנחה? מנחה, איך ווייס נישט. מנחה איז א מנחה וואס מ'איז מקריב מנחות? וואס קומט עס אריין? איך ווייס נישט. ס'איז נישט קלאר פארוואס מנחה הייסט מנחה. ווען די זון לייגט זיך, ס'איז "מנוחת השמש"? ער זאגט נישט. ער ברענגט אז דער רמב"ם אין פירוש המשניות זאגט אז מנחה איז די נאמען פאר נאכמיטאג. נו, שכוח. פארוואס איז דאס די נאמען? פארוואס הייסט עס מנחה? "כלות המנחה" שטייט אזא לשון אין די נביא. כלות המנחה, ווען מ'ברענגט אפשר א קרבן מנחה? ניין. איך בין נישט זיכער.

אקעי. **"ותפילה שכנגד תמיד של בין הערביים היא נקראת תפילת מנחה".** זאגט ער נישט פארוואס ס'הייסט מנחה. פארוואס הייסט עס... **"ותפילה שכנגד המוספין היא נקראת תפילת המוספין".** דאס איז obvious. וואס איז די ענין פון מנחה?

## Speaker 2:

אדרבה, טרעף עס. לאמיר זען צו דיינער זאגט דא עפעס א גוטע הסבר.

## Speaker 1:

וואו איז די רמב"ם וואס אונז האבן? ער זאגט נישט. איך ווייס נישט. איך מיין אז איך האב געדענקט אז ס'איז נישטא קיין גוטע הסבר אויף דעם. אדרבה, איך ווייס נישט קיין גוטע הסבר דערויף. מנחה מיינט דאך א gift, right? אזוויו "מנחה היא שלוחה". מנחה, יא. ווען מ'איז מקריב א מנחה אויפ'ן מזבח. איז אויך א מנחה באופן לשון מתנה לכאורה? מנחה, סמ"ך, ואת מנחה, ואת מרחשת, ס'איז אלעס מתנות. ניין, א מתנה פאר די מזבח.

## Speaker 2:

אה, פארוואס פונקט די קרבן פון סולת הייסט א מנחה ווייס איך אויך נישט. מ'זעט אז מנחה קען הייסן, אנדערע קרבנות קענען אויך הייסן מנחה. אזוי ווי... איך געדענק נישט actually. מנחה. אה, בעלות המנחה, נאכאמאל.

**תפילת ערבית, תפילת נעילה, ומנין התפילות**

**תפילת ערבית — רשות אדער חובה**

**Speaker 1:** אזוויו "מנחה היא שלוחה". מנחה, יא. ווען מ'איז מקריב א מנחה אויפ'ן מזבח איז אויך א מנחה באופן לשון מתנה?

**Speaker 2:** לכאורה.

**Speaker 1:** מנחה, סלת, מחבת, מרחשת, ס'איז אלץ מתנות.

**Speaker 2:** ניין, א מתנה פאר'ן מזבח.

**Speaker 1:** אה, פארוואס פונקט דער קרבן פון סולת הייסט א מנחה ווייס איך אויך נישט.

**דיגרעסיע: וואס מיינט דאס ווארט "מנחה"?**

**Speaker 1:** מ'זעט אז מנחה קען הייסן, אנדערע קרבנות קענען אויך הייסן מנחה. אזוויוי... ווי? איך געדענק נישט actually. מנחה... אה, "בעלות המנחה". נאכאמאל, "בעלות המנחה" מיינט נישט בזמן מנחה?

**Speaker 2:** ס'מיינט יא.

**Speaker 1:** פארוואס זאגסטו אזוי?

**Speaker 2:** "בעלות המנחה" פון אליהו הנביא, וואס איז די טייטש?

**Speaker 1:** "ויהי בעלות המנחה". ס'איז זמן קרבן מנחה, אזוי זאגן די מפרשים דא. "בעלות המנחה" מיינט אין די זמן וואס מ'איז מקריב די תמיד של בין הערבים.

**Speaker 2:** איך ווייס, אזוי איז עס געזאגט, איך ווייס. איך ווייס נישט פארוואס מנחה הייסט מנחה.

**Speaker 1:** נישט אז איך האב אים מנוחה געלאזט.

**Speaker 2:** נו, זאג עפעס.

**Speaker 1:** ער האט זיך גענומען צו מנוחה, איך ווייס נישט.

**Speaker 2:** מנחה איז נישט מלשון מנוחה. ס'איז דא מנחה און מנוחה, ס'איז די זעלבע אותיות אבער ס'איז אן אנדער ווארט. מנחה מיינט... "מנחת ערב". I don't know. "מנחת ערב". "תכון תפלתי קטרת לפניך משאת כפי מנחת ערב".

**Speaker 1:** יא, אויך א פסוק אין תהלים. קען מיינען די מתנה פון ביינאכט.

**Speaker 2:** יא, אבער דו זעסט אז אינדערפרי הייסט עס נישט א מנחה. עפעס איז דא עפעס א reason אז... "מנחת שוא".

**Speaker 1:** ניין, יעצט מיינט אלץ מנחה, א מנחה פון...

**Speaker 2:** ניין, ס'שטייט אסאך מאל מנחה וואס ס'שטייט סתם. אבער מ'זעט אפאר מאל פסוקים אז מנחה איז ערב.

**Speaker 1:** יא, און אויך דא, "כעת מנחת ערב".

**Speaker 2:** אפשר נאכמיטאג פלעגט מען ברענגען די מנחות, און וועגן דעם האט עס אזוי געהייסן, איך ווייס נישט. מ'זעט שוין אין די פסוקים אז נאכמיטאג הייסט מנחה.

**Speaker 1:** נו, אין רבי שמשון רפאל הירש, די אידן וואלטן זיכער געהאט א פשט אויף דעם.

**Speaker 2:** זיי וואלטן געהאט א פשט, וואס זאל איך טון? אקעי, איך וועל זוכן די פשט.

**Speaker 1:** "נקרא עולת הערב מנחה", אזוי זאגט דער רד"ק אין ספר השורשים, "לעולת הבקר... אה, ס'שטייט יא, אין דער פרי איז אויך מנחה, אבער לכאורה איז תפילת המנחה לפי שבא עולת המנחה בערב. בקיצור. ס'שטייט אז מיט תמיד איז געווען אויך א מנחה?

**Speaker 2:** מיט יעדער תמיד איז געווען א מנחה?

**Speaker 1:** יא, אין דער פרי אויך, נישט נאר נאכמיטאג.

**Speaker 2:** סאו איי דאונט נאו. פאר סאם ריזען, דער נאכמיטאג קרבן תמיד של בין הערביים רופט זיך קרבן מנחה.

**Speaker 1:** יא, נישט קלאר.

#### תפילת ערבית — די רמב"ם'ס תקנה

**Speaker 1:** שוין, זאגט דער רמב"ם ווייטער, נאכדעם, **וכן התקינו, שיהא אדם מתפלל תפילה אחת בלילה.** אויך ביינאכט, אויסער די צוויי פון בייטאג, יא, האט מען געמאכט א תפילה וואס מ'זאגט ביינאכט. וואס איז די היסקעגן? זאגט ער, א וואס? **הרי אין לך אלא שני קרבנות בכל יום,** ס'איז דאך יעדן טאג נאר צוויי קרבנות, אבער ס'איז דאך דא מער ווי צוויי קרבנות, ווייל ביינאכט איז דאך די מזבח אויך עקטיוו מיט קרבנות. ס'איז זייער אינטערעסאנט, מ'איז נישט מקריב בעצם קיין נייע קרבן, נאר ביינאכט איז מען מקריב אלע חלבים ואיברים, אלע איברים פון תמידין של בין הערביים און ס'ווערט ווייטער אויסגעברענט במשך די נאכט, **שנאמר "היא העולה על מוקדה על המזבח כל הלילה עד הבקר",** און ווערט אויפגעגעסן די איבריגע קרבנות, אויסער די קרבנות פון במשך די טאג, ניין, די קרבנות נדבוב'ס פון די נאכט. כענין שנאמר, אה, דא ברענגט דער רמב"ם צו א נייע זאך, ס'קומט דאך אז א מענטש זאל זיך אויך מתפלל זיין ביינאכט, ביינאכט איז דאך א צייט פון תפילה.

נישט נאר בייטאג, ס'איז זייער אינטערעסאנט, בייטאג איז ווען א מענטש איז מסדר צרכיו, בייטאג האט ער א גרויסע ליסט, ער דארף דאס, ער דארף יענץ, ער דארף שידוכים, ער דארף פרנסה. ביינאכט אבער איז א צייט פון בענקעניש, א צייט פון וויינען אויף זיינע צרכים, יא, "אמשכבי בלילות בקשתי את שאהבה נפשי". אזוי שטייט אין פסוק, "ערב ובקר וצהרים אשיחה ואהמה", אייביג בעט איך און איך וויין און איך בענק מיך צו די אייבערשטער, "ערב ובקר וצהרים". ס'איז נישט קלאר, ווייל איך האב דא א שטיקל פראבלעם, ס'איז אינטערעסאנט, דער רמב"ם זאגט דא צוויי אנדערע זאכן, "ערב ובקר" לכאורה מיינט שחרית און מנחה, און "צהרים" מיינט פאר מנחה. דער רמב"ם טייטשט דאך אין די גמרא וואס רעדט פון דריי תפילות, טייטשט ער אזוי, "ערב" מיינט מעריב, "בקר" אין דער פרי, "צהרים" מיינט מנחה. אבער פריער האט ער גערופן תפילת ערב, תפילת מנחה. מנחה איז ערב.

**Speaker 2:** יא, ס'זעט אויס אז ס'איז דא צוויי ריזענס. קודם איז דא דאך א פסוק "ערב ובקר וצהרים", און די גמרא ברענגט פון דעם א מקור אז מ'דארף דאווענען דריי מאל א טאג. און צווייטנס, אז די תפילת מעריב גייט קעגן די איברים וואס זענען מתעכל כל הלילה.

**Speaker 1:** יא, אבער מ'זעט אז די ערבית איז עפעס א שוואכערע זאך, **"ואין תפילת ערבית חובה כתפילת שחרית ומנחה".** רבי שמעון החורי האט אויך נישט געוואוסט צו תפילת ערבית איז רשות אדער חובה.

**Speaker 2:** רבי שמעון? איינער איז געקומען פרעגן אין בית המדרש... ניין. רבן גמליאל. איינער איז געקומען פרעגן פון רבן גמליאל, ניין? וואס איז די טעם? רבי שמעון החורי. אקעי.

**Speaker 1:** **ואף על פי כן נהגו כל ישראל בכל מקומות מושבותיהם להתפלל ערבית, וקבלוה עליהם כתפילת חובה.** ס'איז נישט געווארן קיין חובה, ס'איז נישט מחייב. ואף על פי כן נהגו כל ישראל בכל מקומות מושבותיהם להתפלל ערבית, וקבלוה עליהם כתפילת חובה. ס'איז נישט א תפילת חובה, אבער מ'קוקט עס אן ווי א תפילת חובה. ס'איז נישט מחייב מדין חיוב, נאר מחייב מדין מנהג.

**Speaker 2:** יא, ס'איז נישט קלאר וואס דאס מיינט.

**Speaker 1:** אקעי. ס'זעט אויס אז ס'איז דא דריי צייטן פון די טאג: ס'איז דא אנפאנג נאכט, ס'איז דא צופרי, ס'איז דא נאכמיטאג, און ס'איז דא אנפאנג נאכט. ווייל ערב מיינט נישט...

#### די גאונים'ס תשובה וועגן ערבית

**Speaker 1:** בקיצור, ער ברענגט אז די גאונים... ער ברענגט דא א תשובה, און די ענדע פון די תשובה איז אז דער עולם ווייסט נישט אז תפילת ערבית איז רשות, ממילא אויב מ'איז פריץ גדר, מ'גייט קעגן דעם, מיינט דער עולם אז ס'איז א חיוב. אה, ער איז מבזה... ער איז מבזה וועגן ער דאווענט נישט תפילת ערבית. ס'איז אזוויו א דבר שנהגו בו איסור, מ'קען נישט מקיל זיין קעגן אנדערע מענטשן וואס זיי פירן זיך.

**Speaker 2:** ס'איז דא מענטשן וואס ס'קומט זיי אויס אסאך גרינגער צו פארפאסן א מנחה, ווייל מנחה איז, ספעציעל ווינטער, ווייל דאס איז א חוב, ס'איז אסאך הארבער ווי מעריב.

**Speaker 1:** אקעי, דארף מען פארשטיין ווייטער די כללי הדברים. ווען רבנו יונה זאגט אז ס'איז נישט קיין חובה ווייל די איברים וואס זענען מתעכלים איז אויך נישט קיין חוב, ס'איז נאר א מנהג אזא, אז דעמאלטס ווען ס'קאכט זיך, זאל דער עיקר זאך זיין מקריב. רייט, איך מיין אז די קאנעקשאן צו די קרבנות איז נאר אזוויו א סימן, ס'איז נישט וועגן דעם אז ס'איז רשות. די ריזען פארוואס ס'איז רשות איז לכאורה ווייל ס'איז דאך ממש אין די זעלבע צייט. ס'איז נישט ממש א צייט, אפשר גייען רוב מענטשן שלאפן בכלל שוין ביי מעריב. דאס איז לכאורה די reason, מען שטעלט עס צו אז ס'איז כנגד, ס'שטימט אויך די זעלבע וועג. אזוי וואלט איך געטראכט.

זאגט דער מפרש הרמב"ם רעדנדיג פון דעם צו, אויב מ'האט נישט מתפלל געווען כתיקונה, דאס הייסט מ'האט נישט געזאגט ותן ברכה אדער קדושה, וואלט מען נישט געדארפט צוריק איבערחזר'ן ביי מעריב, וואלט איך נישט געווען קיין חוב. אבער למעשה, איינמאל חז"ל האבן עס, כלל ישראל האט עס אנגענומען ווי א חובה... מיר האבן געהאט פריער אז טבילת עזרא האבן די אידן נישט אנגענומען, ממילא איז עס נישט געווען קיין חוב. ס'איז זייער אינטערעסאנט, דו זעסט אז די אנגענומענקייט פון אידן איז מער שטארק ווי די תקנה וואס די חכמים זענען מתקן. עזרא ובית דינו האבן מתקן געווען טבילת עזרא, אבער כלל ישראל האט עס נישט אנגענומען, איז עס נישט געווארן קיין חוב. און די תפילה האט מען נישט מתקן געווען בתורת חובה, אבער כלל ישראל האט עס אנגענומען ווי תורת חובה, איז עס געווארן א חוב.

#### קשיא אויף די גאונים'ס סברא

**Speaker 2:** יא, אבער איך פארשטיי נישט דאס, ווייל אזוי ווי דו זאגסט, זיי האבן געפרעגט ביי רבן גמליאל צו תפילת ערבית רשות. פשטות, אין יענע צייטן אויך איז שוין געווען די מנהג אז יעדער איינער קומט און דאווענט מעריב, אנשטאט וואלט נישט געווען קיין שאלה. און על כל זה האבן די חכמים געזאגט אז ס'איז א רשות. סאו וואס איז די פשט אז די גאונים זאגן, דו זעסט אז מ'דאווענט מעריב און יעדער מיינט אז ס'איז א חובה?

**Speaker 1:** יא, און אין די צייטן פון די תנאים האבן אויך געדאווענט מעריב. און אויף דעם האבן זיי געזאגט אז זיי מיינען אז ס'איז אן ענין פון מראית עין, ממילא וועט מען אנקוקן ווי דו ביסט א רשע. אבער איך פרעג דיך, וואס איז אנדערש? אין די צייטן פון די תנאים, האבן וועניגער מענטשן געדאווענט מעריב? ס'איז אויך נישט אזוי פון דעם זע איך דאך אז מ'דארף ווייטער דאווענען מעריב, ס'איז נישט אלעס איז א רשות. איך וואלט זיך געזאגט, ס'איז מיר א חידוש, אפשר נישט, אפשר וועט איינער זאגן ניין.

אויב ס'איז געווען אזא שאלה צו תפילת ערבית רשות, איז משמע אז נישט יעדער איינער האט געדאוונט מעריב אין יענע צייט.

**Speaker 2:** איז יא, קען זיין.

**תפילת נעילה**

**Speaker 1:** גייען מיר ווייטער. איינמאל מ'האט מתקן געווען אז די תפילות האבן צוטון מיט קרבנות, האט מען צוגעלייגט נאך זאכן. נישט נאר די תפילות וואס זענען כנגד קרבנות, נאר מ'האט צוגעלייגט נאך זאכן. **מ'האט תיקן תפילה אחרת, תפילת המנחה סמוך לשקיעת החמה, צווישן מנחה און מעריב,** דאס הייסט נאך מנחה סמוך לשקיעת החמה, **האט מען צוגעלייגט נאך א תפילה ביום התענית בלבד, כדי להוסיף תחינה ובקשה מפני התענית.** דאס הייסט, ס'קען זיין אז מיט דעם איז מען יוצא די זעקה לפני השם בתענית, אדער די זעקה מער בעצם מיטן פאסטן. ביידע זענען גוט. לכבוד די תענית האט מען צוגעלייגט נאך א תפילה ביום התענית. אז יום התענית האט מען צוגעלייגט נאך א תחינה ובקשה. לכאורה האבן זיי עס געמאכט נאך די צוויי חיובים. ס'איז דאך דא די חיובים פון שחרית און מנחה. מאכט מען נישט בשעת. קודם לאזט מען אויס די דאורייתא. מ'האט שוין געענדיגט די תפילות דאורייתא. און ס'זעט אויס אז ס'איז וויכטיגער ווי מעריב. מ'האט עס געמאכט פאר מעריב. מ'האט עס געמאכט פאר מעריב, ווייל מ'האט עס געמאכט ווי לאנג ס'איז נאך די יום הדין. מעריב איז שוין די נעקסטע טאג בכלל.

**Speaker 2:** יא, לכאורה די ווארט איז, עס הייסט מנחה בעצם, מיר וועלן גיין זען ביים רמב"ם. מנחה קומט נישט גלייך פאר די שקיעה, מנחה קומט אביסל שפעטער. ס'בלייבט דא אזוי א צייט אין די טאג וואס ס'איז פנוי, ס'איז נישט דא קיין תפילה אין יענע צייט. אבער א צייט וואס ס'איז דא א תענית, איז דאך א זמן וואס מ'איז מתפלל, זאגט דער רמב"ם.

**Speaker 1:** ס'איז א תפילה **נקראת תפילת נעילה.** מ'האט עס א נאמען געגעבן תפילת נעילה. פארוואס הייסט עס אזוי? **לפי שהיא בזמן שמתפללין אותה, כלומר שננעלו שערי שמים בעד השמש ונראה,** דער הימל האט שוין פארשפארט די זון. ס'האלט אויפ'ן וועג פון פארשפארן די זון, **לפי שאנו מתפללין אותה סמוך לשקיעת החמה.**

**וואס מיינט "שערי שמים" ביי נעילה**

און די ראשונים האבן דא א מחלוקת וואס הייסט נעילה, וואס איז שערי היכל? איז עס שערי היכל פון בית המקדש, אדער שערי שמים. איך האב אלעמאל געמיינט אז שערי שמים מיינט אז וועך מ'זאגט ביי נעילה "שערי שמים פתח", אז ס'ענדיגט זיך די זמן קבלת התפילות. אבער ווי דער רמב"ם זאגט, און אזוי זעט אויס אפשר פשט אין די ראשונים, אז שערי שמים מיינט פשוט די הימל, כאילו ס'איז אזוויי "פתח דלתות", ווי מ'זאגט ביי די ברכות יוצר, איז דא אזעלכע דלתות און שערים וואס עפענען זיך און קומט ארויף די זון, און דא גייט עס צוריק, מ'פארמאכט שוין די הימל. אבער ס'איז אין דעם ליגט א דימוי, ווייל א יום התענית איז דאך א יום עצור, א טאג וואס ס'זעט אויס ווי די הימל איז פארשפארט. אויך איז אין חסידות געשריבן אז מ'דארף זיך גארנישט בעטן, יעצט איז אפן. נעילה מיינט אז ס'פארשפארט זיך יעצט, א גאנצע טאג איז געווען אפן, יעצט איז די זמן נעילה.

**ריקעפ — מנין התפילות בכל יום**

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם, **נמצא,** קומט אויס, ער גייט אונז נאך געבן אזא ריקעפ. **בכל יום שלוש,** ער הייבט אן מיט ערבית, יא, **שחרית ומנחה. ובשבתות ומועדים וראשי חדשים ארבע,** ווייל ס'קומט צו מוסף. ערבית, שחרית ומנחה. בשבתות ומועדים וראשי חדשים איז ארבע, ווייל ס'קומט צו די דריי קומט נאך צו **תפילת המוספין. ביום הכיפורים חמש,** ווייל מ'האט געזאגט אז יום תענית, ס'איז דא וואס זאגן אז ביום הכיפורים אנשטאט זאגן מאי תענית, ווייל א תענית איז אויך דא ארבע, ווייל א תענית איז נישט דא קיין מוסף, א נארמאלע תענית איז נישט דא קיין מוסף. איז דא נאר שחרית מנחה מעריב, איז דא נאר דריי תפילות. איז ארבע איז אן עלי' אין תפילות, און א נארמאלע תענית איז דא אן עלי' אין תפילות. א נארמאלע תענית איז דא נעילה.

**הלכות תפילה — מנין התפילות, תפילת נדבה, ותפילה בשבת ויום טוב**

**הלכה י — מנין התפילות בכל יום**

**"בשבתות וימים טובים וראשי חודשים, ארבע."**

ער רעדט דאך פון די פסוק, ער רעדט דאך פאר ער קומט אריין אין שחרית און מנחה. בשבתות וימים טובים וראשי חודשים, איז עס ארבע, ווייל ס'קומט צו צו די דריי קומט נאך צו תפילת המוספין.

**"וביום הכיפורים, חמש."**

ווייל מ'האט דאך געזאגט אז יום התעניות... ניין, ער זאגט דאך ביום הכיפורים, ער זאל זאגן ביום התענית. ווייל א תענית איז אויך דא ארבע, ווייל א תענית איז נישטא קיין מוסף. א נארמאלע תענית איז דאך ארבע, און תפילת נעילה. א נארמאלע תענית וועט זיין נאר ארבע, שחרית, מנחה, נעילה. אבער יום כיפור, וואס איז א טאג פון מוסף, קומט אויס פינף. יא.

**הלכה יא — תפילת נדבה**

**דער עיקר דין פון תפילת נדבה**

יעצט, ער רעדט דאך פון תפילת נדבה. דאס הייסט, דאס שטימט זייער גוט וואס איך זאג, אז ס'איז דא אן ענין פון מרבה זיין תפילות. דאס הייסט, מדאורייתא דארף מען נאר איינס, אבער מ'קען וויפיל מ'וויל. מ'האט געמאכט א געוויסע סקעדזשול: דריי יעדן טאג, פיר שבת יום טוב מוסף, פינף יום כיפור. דאס איז אבער אלץ די תקנה. ס'בלייבט נאך אלץ די זאך אז מ'קען מאכן מער אויב מ'וויל.

דאס איז דאך די רמב"ם, **"תפילות אלו, אין פוחתין מהם"**, מ'מאכט נישט ווייניגער, **"אבל מוסיפין עליהם"**, מ'קען יא צולייגן. זאגט ער, מ'קען נישט ווייניגער, ווייל דאס איז געווען די תקנות חכמים. אבער מ'קען צולייגן, **"אם רצה אדם שיתפלל כל היום כולו"**, אויב א מענטש וויל דאווענען א גאנצן טאג, **"הרשות בידו"**. אה, דאווענען א גאנצן טאג מיינט צו זאגן א גאנצן טאג זאגן שמונה עשרה, נישט דאווענען איין לאנגע שמונה עשרה פאר א גאנצן טאג. זאגן פינף הונדערט שמונה עשרה'ס. ער רעדט דאך פון דאווענען נאך א שמונה עשרה. ניין, ניין, ניין, ניין. דאס איז זיכער הרשות בידו. מ'קען זאגן וויפיל מ'וויל. אוודאי. דאס איז פון דעם רעדט מען דאך.

**דער קשר צו קרבנות**

זאגט ער, **"לפיכך, כל תפילה שיוסיף"**, קען מען מקריב זיין נדבות. איינמאל איז דאך דא די יום טוב, איז דאך דא קענען די קרבנות. זעסטו דאך אז ביי קרבנות קען מען אויך צולייגן נדרים ונדבות וויפיל מ'וויל. ס'איז מקריב נדבות. ס'שטימט זייער גוט די סטרוקטור.

**דער דין פון חידוש דבר בתפילת נדבה**

**"לפיכך"**, זאגט ער, ווייל די תפילות זענען א תפילת נדבה, זאגט ער, **"לפיכך, צריך שיחדש דבר בתפילה בכל ברכה וברכה מן האמצעיות"**. מ'טוישט נישט ביי די ערשטע דריי און די לעצטע דריי. אבער ביי די אמצעיות, די מיטלסטע ברכות, זאל מען צולייגן אפילו איין ברכה. לכתחילה זאל מען ביי יעדע ברכה עפעס צולייגן. **"ואם חידש אפילו בברכה אחת, כדי להודיע שהיא נדבה ולא חובה"**, כדי ס'זאל זיין קלאר אז ס'איז נדבה ולא חובה.

**דיסקוסיע: פארוואס "להודיע"?**

פארוואס פעלט אויס די להודיע? איך ווייס נישט. אפשר די להודיע איז געווען ביי תפילה אחת. איך האב געטראכט אפשר, ס'הייסט, אויב לכתחילה תפילת נדבה, דו מאכסט תמיד תפילת נדבה, דו זאגסט די זעלבע זאך נאכאמאל, דאס איז סתם לצנות. עניוועיס, די פוינט פון תפילת נדבה, דו זאגסט אזוי ווי א קרבן, שטעל דיר פאר ער ברענגט נאכאמאל די קרבן של שחר וואס איז שוין געברענגט, ס'איז אויסגעקייט. מ'דארף ברענגען א נייע זאך. אבער די עבד, עט ליעסט דארף ער מאכן עפעס א קליינע שינוי, ער איז מוסיף, ער גיבט א נייע נוסח אדער א נייע נקודה וואס ער לייגט אריין אין

זיין תפילה, כדי אים וויזן אז ער מאכט נישט די תפילת נדבה, ס'איז א להודיע אז ס'זאל זיין נדבה.

ניין, אפשר איז עס אז דער מענטש אליין זאל געדענקען וועלכע זענען די בעיסיק, ווייל אויב איין טאג איז ער נישט אין די מוד, זאל ער נאך אלץ דאווענען עט ליעסט די דריי אדער די צוויי. ס'איז וויכטיג צו האלטן די חילוק פון נדבות און חיובים, וויאזוי ס'זעט אויס. יא. אקעי.

### שלש ראשונות ושלש אחרונות

אבער לאמיר אלץ פירן, די תוספות איז טאקע מוסיף נאר אין די אמצעיות. **"שלש ראשונות ושלש אחרונות לעולם אין מוסיפין בהם"**, מ'לייגט נישט צו, **"ולא פוחתין מהם"**, מ'נעמט נישט אראפ, ווייל מ'איז משנה ממטבע שטבעו חכמים. מ'טוישט נישט. אזוווי די גמרא וואס זאגט אז מ'זאל נישט משנה זיין מטבע שטבעו חכמים.

ס'הייסט, אינדערמיטן איז נישט משנה, ווייל דאס איז די הלכה אז מ'מעג צולייגן. ווייל מ'ווערט דאך צרכים, און ער האט זיך געזאגט פריער אז די צרכים איז אה, ולכך לצרכים, אויב איינער וויל דערמאנען די תולדות, מ'קען דערמאנען די תולדות אויך.

### דיסקוסיע: קען מען דערמאנען תולדות ביי תפילת חובה?

לכאורה, ער זאגט עס נישט קלאר, אבער לכאורה קען מען דערמאנען תולדות אויך ביי תפילת חובה אויך? ניין, אפשר נאר בשעת מ'איז מתפלל? יא, והוא הדין. אזוי סאונדט עס. אבער דא זאל זיין, זאל מען מאכן א... תפילת נדבה מוז מען, תפילת חובה, ער זאגט נישט דא קלאר, אבער לכאורה איז אזוי די הלכה.

דער רמב"ם, אפשר וועט מען זען שפעטער, ער גייט רעדן וועגן דעם. איך געדענק נישט אז ער זאל רעדן וועגן דעם.

### רבינו יונה'ס הערה אויף צרכי ציבור

און דער רמב"ם פסק'נט ווי ר' אליעזר, אז אין מוסיפין בהם. אבער רבנו יונה לייגט צו א הערה, אז אין מוסיפין בהם תפילות פרטיות, אבער מצינו שהיו מוסיפין בהם זכרנו לחיים און אזעלכע זאכן, ווייל תפילת ציבור קען מען יא מוסיף זיין. איך מיין צו זאגן, צרכי ציבור קען מען יא מוסיף זיין, מ'בעט דאך פאר כלל ישראל. דאס איז א קשיא. דער רמב"ם ברענגט שפעטער אז דאס איז א מנהג. איך ווייס נישט. אפשר דא רעדט מען פון תפילת נדבה. דארף מען פארשטיין פארוואס דער רמ"א ברענגט די הלכה ביי תפילת נדבה. ער ברענגט בכלל די הלכה אז מ'זאל נישט צולייגן.

### דיסקוסיע: דער רמ"א'ס שיטה

אבער פשוטע אידן לייגן דאך צו אויך ברכות השחר און שונות. אבער דער רמ"א זאגט אז דער יחיד זאל נישט צולייגן. אבער וואן דער רמ"א לייגט צו, איז דאך עס א חלק פון... ס'איז נישט קיין פריצות ארץ. מ'קען הערן. אבער ס'איז דאך א חלק. ניין, ס'איז נישט קלאר.

אקעי, לאמיר ארויספירן נאך איין הלכה. אפשר איז אן אמת, סוף כל סוף, ווי די גמרא זאגט אז מ'זאל נישט מוסיף זיין מער ווי איינס. דאס איז נאך א נוסח. אבער דאס איז אפשר ספעציעל ביי די שבחים. איך פארשטיי, עס קען זי��ן.

### קשיא: פארוואס נישט ביי מודים?

אבער פארוואס... איינער האט געפרעגט א גוטע קשיא. איך פארשטיי, ביי די צרכים זאגסטו אז דער מענטש האט אמאל זיינע אייגענע צרכים, לייגט ער צו. פארוואס זאל ער נישט מודה זיין אויף זיינע אייגענע הודאות? ביי מודים צולייגן. מ'זעט נישט דאס. ס'איז נישט קלאר.

דער רמ"א ביז דערווייל האט נישט געזאגט קיינמאל מוסיף צו זיין נאר ביי די נושא פון תפילת נדבה. און ער לייגט אפילו צו די טעם "כדי לא ידעו". ס'זעט אויס ביי דער רמ"א אז ס'איז א חסרון אפילו די הוספה. כאפסט? נישט אז ער זאגט אז מוסיף זיין איז א שיינע זאך, ער לייגט צו זיין חידוש. ביי דער רמ"א סאונדט עס פארקערט, אז דאס מאכט עס שוואכער די תפילה. די תפילת חובה זאגט מען פונקט וואס ס'שטייט. אה, דו מאכסט עס פאר דיין אייגענע תפילה, אקעי, טויש עס אביסל כדי מ'זאל נישט טועה זיין, מ'זאל נישט מיינען אז דאס איז די תפילת חובה. ס'סאונדט אזוי.

### הלכה יב — אין הציבור מתפללין תפילת נדבה

זאלן מיר ענדיגן די רמ"א. יא, ווייטער. **"אין הציבור מתפללין תפילת נדבה"**. די תפילת נדבה וואס מ'לייגט צו איז א תפילת יחיד, נישט קיין תפילת ציבור. **"ואין הציבור מביאין קרבן נדבה"**. מ'האט דאך די גאנצע צייט מדמה געווען צו קרבנות, און דער ציבור ברענגט נישט קיין קרבן נדבה.

### דער חתם סופר'ס חידוש

ס'שטימט זייער גוט מיט א תשובת חתם סופר, איך מיין תשובה נ"ה, אז ענינים פון חסידות — דאס איז זיין קריטיק אויף חסידות — אז ענינים פון חסידות, ענינים וואס איז לפנים משורת הדין, ענינים וואס איז עקסטערע קרעדיט, האט צו טון אז ס'זאל קומען פון די הארץ. אויב ווערט עס א... ס'איז זייער אינטערעסאנט, משה, יעצט פסח, זייער אסאך מענטשן האבן געוואוסט אז... און ביי אונז אין אהיים האט מען אזוי און אזוי מקפיד געווען. מ'ווייסט אז חומרא איז אז איינער פון מיר, איך טו אזוי. איינמאל ס'ווערט א חיוב, מ'לערנט עס אויס אין חדר אז אזוי און אזוי מוז מען טון, פארלירט עס די גאנצע חילוק צווישן די נדבה און די חובה.

### עולת קיץ המזבח

אקעי, אבער צוריק צו דא די פשטות. דער ציבור לייגט נישט צו תפילת נדבה. יא, דער רמ"א פרעגט א קשיא, אז דאך יא, דא נוצט מען דאך א זאך ווי נדבת ציבור. ס'הייסט, עולת קיץ המזבח. עולה'ס איז נישטא וואס מ'האט צופיל געלט און דער מאכט עס א שקל, ברענגט מיר יא א ספעציעלע עולה, ס'איז טייטש פאר נדבה. ער זאגט אבער ס'איז נישט מוציא. א דבר שאינו שכיח. אקעי.

### מוסף שתים

זאגט ער, איז על פי רוב נאר שבתים וימים טובים, איז נישטא קיין צורך דא אויף נישט די ציבור עקסטערע תפילה. אבער **"לא יתפלל אפילו יחיד מוסף שתים"**. נאך עפעס, ווי מ'קען נישט צולייגן מוסף, לייגט מען נישט צו תפילות נדבה. אחת חובת עולה ואחת נדבה, לא שאני אמרינן קרבן מוסף, קרבן מוסף זייער א חובת הציבור.

### דיסקוסיע: וואס הייסט "מוסף שתים"?

איך פארשטיי נישט פונקטליך וואס דאס מיינט. לכאורה, ס'הייסט ער דאווענט צוויי מאל מוסף, ער זאגט צוויי מאל וועגן די קרבן מוסף. אויב ער דאווענט צוויי מאל מוסף, ער דאווענט צוויי מאל די תפילה וואס איז קעגן די קרבן מוסף. די עיקר תפילה איז סתם אזוי א תפילה, ס'איז נישט קיין חילוק. ס'הייסט ער דאווענט מנחה, וואס הייסט ער דאווענט מוסף שתים? אבער ער רעדט דאך לכאורה ווען מ'דערמאנט די ענין פון מוסף ביי מנחה, מ'דערמאנט מוסף. אקעי.

### תפילת נדבה בשבתות וימים טובים

**"יש מן הגאונים הראשונים שאסרו להתפלל תפילות נדבה בשבתות וימים טובים"**. אז בכלל זאל מען נישט דאווענען קיין תפילות נדבה בשבתות וימים טובים, **"לפי שאין מקריבין בהם נדבה אלא חובת היום בלבד"**. ווייל שבתות וימים טובים איז מען נאר מקריב די קרבנות היום, און מ'לייגט נישט צו קיין קרבנות, ממילא פאר דעם זאל מען נישט צולייגן אויך נישט קיין...

### דיסקוסיע: דער קשר צווישן תפילה און קרבנות

מ'דארף בעסער פארשטיין די קשר צווישן תפילה און קרבנות. ס'זעט אויס אז ס'איז מער ווי סתם א זכר לקרבנות אדער... ס'קען זיין אויף די זעלבע סיבה פארוואס מ'איז נישט מקריב נדבה אום יום טוב. אבער איך האב געזען איינער פרעגט דא א קשיא, לכאורה די סיבה פארוואס מ'איז נישט מקריב נדבה אום יום טוב איז ווייל ס'איז חול יום טוב, בעצם שחיטה און די אלע זאכן זענען מלאכות, און דו האסט נאר א היתר פאר קדשים, אבער סתם נדבה האט נישט קיין היתר. אויב אזוי, תפילה איז נישט קיין שייכות.

**דער רב'ס אייגענער פשט**

דער רב זאגט דא אן אייגענע פשט. דער רב זאגט, ער דינגט זיך אויף דעם רב'ס פשט, ער זאגט אז די סיבה שטייט אין רב האי גאון, דאס איז דווקא תפילות בקשות, ווייל א מענטש קען כסדר דאווענען כדי לבקש רחמים, אבער בשבת ויום טוב ברענגט מען נישט קיין בקשות. אויף הודאות איז נישטא דאס. פארוואס? די אום יודה ויאכל, יודה ברוך הוא על טובו.

**דיגרעסיע: תפילות הודאה פרטיות — "טענק יו השם"**

דאס האט צוטון מיט די שמועס וואס אונז האבן געהאט אין א גרופע לעצטנס, אז מ'זעט נישט אז ס'איז דא תפילות פרטיות אויף הודאות. ס'איז זייער אינטערעסאנט, היינט זאגט מען דאך, ס'זעט אויס פון דעם רב אז "טענק יו השם" איז א ברכה לבטלה. צרכים, בעטן פון דעם אייבערשטן איז הלואי שיתפלל אדם כל היום כולו. דאנקען דעם אייבערשטן, ס'שטייט נישט אז ס'איז דא אן ענין צו דאנקען דעם אייבערשטן א גאנצע צייט. מיר זענען מודה און מיר דאנקען דעם אייבערשטן על כל חסדיך שבכל יום. און דער ראב"ד טענה'ט אז ס'איז נישטא קיין ענין צו טון מער.

**דיסקוסיע: ברכות אויף הנאות**

אה, ס'איז דאך יא דא, ס'איז דא אנדערע ברכות. ער רעדט ווען ס'איז אין א חלק פון א נסח התפילה, אבער א מענטש זאל דאנקען דעם אייבערשטן, ער זאל אים זאגן ברכות. איך מיין אין הלכות ברכות רעדט יא דער רמב"ם אז א מענטש זאל זאגן ווי מער ברכות, זאל א מענטש ווי מער מהלל זיין דעם אייבערשטן אין הלכות ברכות, פאר אנדערע מיני זאכן. מ'זעט אין הלכות ברכות רעדט ער יא דערפון. יא יא, איך ווייס וואס דו מיינסט, סוף הלכות ברכות. יא יא, אבער נישט צולייגן נייע ברכות. ער זאגט אז מ'זאל מאכן די קיידע ברכות, ווייל יעדע מאל מ'עסט מאכט מען א ברכה. אויף יעדע זאך איז דא א ברכה שאינה צריכה. מ'זאגט נישט "אה, איך דאנק דעם אייבערשטן". פארשטייסטו?

ס'איז יא דא, און מ'זעט דאך אז ס'איז דא א סתירה. אפשר וואלט דער רמב"ם געזאגט אז מ'זאל זאגן "טענק יו השם". אפשר וואלט דער רמב"ם דאס יא ליב געהאט. אזוי ווי ער ענטפערט, "ובכל יום אברכך ואהללה שמך לעולם ועד". מיט דעם ענטפערט דער רמב"ם צו די הלכות. יא יא יא, מ'זעט כסדר פון די הלכות תפילה אז דאס וואס מ'זאגט היינט "טענק יו השם", די חסידיש'ע נוסח, איז נישט אזוי פשוט מצד ההלכה. ס'זעט אויס יא, אזוי ווי דו האסט געזאגט פריער, ס'איז אן ענין פון רעספעקט פאר'ן אייבערשטן. דאס איז נישט דיין פראבלעם.

**די געפאר פון שגור בפי הלשון**

דיין סתירה איז, מ'זאגט אז ס'ווערט אזוי שגור בפי הלשון אז ס'מיינט שוין גארנישט. ס'מיינט אז א בחור טוט זיך אן, "ברוך השם", און ער מיינט נישט גארנישט. דאס איז א שטיקל זלזול. קען מען קען הערן אזוי? אבער דאס איז נישט די חשמונאים און נישט די לשון. ניין, יעדער איינער זאל ווייטער זאגן "טענק יו השם", און מ'זאל עס זאגן מיט די ריכטיגע כוונה. נאר פארקערט, מ'זאגט אז יעדע מאל דו זאגסט "טענק יו השם", זאלסטו עפעס געדענקען צו האבן אין זין, אז דו מיינסט עס עכט. ווייל דו האסט געזאגט אז ס'איז שוין אפגעקילט.